# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

פנחס

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
**mail@derparshakval.com**
**718.484.8136**

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
**Wholesale@BeerEmunah.com**

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

*לשה"ק*
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

*אידיש*
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

*אנגליש*
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

*היספאניש*
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

*פראנצויזיש*
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

*איטאליעניש*
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

*רוסיש*
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**

2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פנחס


הנני נותן לו - דו פאַרשטייסט נישט אַליין אַז עס איז דאָ אַ מנהיג וואָס פירט אַלעס?! .............ד

את בריתי שלום - טוהן חסד, מוותר זיין, און אַנטלויפן פון מחלוקת..........ט

כל רודפיה השיגוה - די גרויסקייט פון די יעצטיגע טעג..........טו

משמחי לב - דערפרייען די הייליגע שכינה דורך לימוד התורה בהתמדה ..........יז


**ספה"ק בת עין**

**הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי וְגוֹ' בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי** [פינחס] האט צוריקגעקערט מיין צארן [פון אויף די יודישע קינדער] דורכדעם וואס ער האט געצערנט מיין צארן צווישן זיי. **יֵשׁ לְדַקְדֵּק שֶׁלִּכְאוֹרָה הֲוָה לֵיהּ לְמִכְתַּב לְהֵיפֶךְ** לכאורה דארף מען פארשטיין די לשון פון די פסוק וואס וואלט ווען געדארפט אנדערש שטיין אויסגעשטעלט, **'בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי' וְגוֹ'** און עס וואלט געדארפט שטיין 'דורכדעם וואס ער האט געצערנט מיין צארן האב איך צוריקגעקערט מיין צארן פון זיי'.

**לְהָבִין עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר** צו פארשטיין די זאך אויף די וועג פון מוסר, **הִנֵּה אִיתָא** (סוכה כט.) **יִשְׂרָאֵל מוֹנִין לַלְּבָנָה וְאוּמּוֹת הָעוֹלָם מוֹנִין לַחַמָּה** עס שטייט אין גמרא אז די יודן ציילן די יאר לויט די טעג פון די לבנה און די אוּמּוֹת הָעוֹלָם ציילן לויט די טעג פון די זוהן. **הָעִנְיָן הוּא לְבָנָה הִיא בְּחִינַת מִיעוּט** די ענין איז אז די לבנה ווייזט אויף די בחינה פון זיך פארמינערן (מִיעוּט), **שֶׁמִּיעֲטָה אֶת עַצְמָהּ** ווייל די לבנה האט זיך פארקלענערט, **וְגַם יִשְׂרָאֵל מַמְעִיטִין אֶת עַצְמָם לִפְנֵי הַמָּקוֹם** און אויך די יודן טוען זיך פארקלענערן פארן באשעפער ... **הַיְינוּ שֶׁיֵּשׁ לָהֶם בְּחִינַת הַכְנָעָה** דאס מיינט אז זיי - די יודן האבן די מידה פון זיין אונטערטעניגט (הַכְנָעָה), **שׁוֹרֶשׁ כָּל הַמִּדּוֹת טוֹבוֹת** וואס הַכְנָעָה איז די שורש פון אלע גוטע מידות ... **כִּי בְּחִינַת הַכְנָעָה וּשְׁבִירַת הָרוּחַ הוּא חָבִיב מְאוֹד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** ווייל די בחינה פון זיין אונטערטעניגט און א צובראכן גייסט איז זייער באליבט ביים באשעפער ... **וְהוּא בְּחִינַת תְּשׁוּבָה** און האבן א צובראכענע הארץ איז א בחינה פון תשובה ... **... וּפִנְחָס שֶׁהָיָה צַדִּיק גָּמוּר** און פנחס וואס איז געווען א צַדִּיק גָּמוּר ... **וּבָזֶה הִמְשִׁיךְ עַל יִשְׂרָאֵל בְּחִינַת קְדוּשָּׁה** און מיט דעם האט ער ממשיך געווען אויף די יודן א בחינת קדושה, **בְּחִינַת תְּשׁוּבָה** א בחינה פון תְּשׁוּבָה ... **בְּחִינַת רוּחַ נִשְׁבָּרָה בְּגוֹדֶל הַכְנָעָה וּמִיעוּט** א בחינה פון האבן א צובראכענע גייסט מיט א גרויסע הַכְנָעָה און זיך קליינהאלטן, **בְּחִינַת לְבָנָה** וואס דאס איז די בחינה פון לבנה, **וְנִסְתַּלֵּק מֵהֶם בְּחִינַת גַּסּוּת** און ס'האט זיך אפגעטאהן פון זיי די בחינה פון גאוה און גַּסּוּת, **בְּחִינַת חֵמָה** וואס גאוה און גַּסּוּת ברענגט אויף זיך די צארן פונעם באשעפער וואס דאס מיינט די בחינה פון חֵמָה.

**וְזֶהוּ 'פִּינְחָס וְגוֹ' הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל'** און דאס איז פשט אין פסוק 'און פינחס האט צוריקגעקערט מיין חֵמָה פון אויף די יודישע קינדער', **פֵּירוּשׁ שֶׁהֵשִׁיב מֵהֶם הַבְּחִינַת חֵמָה** דאס מיינט אז ער האט צוריקגעקערט פון זיי די בחינה פון חֵמָה, **בְּחִינַת גַּסּוּת הָרוּחַ** וואס חֵמָה מיינט די בחינה פון גאווה, **וְהִכְנִיס לָהֶם בְּחִינַת לְבָנָה כַּנַּ"ל** און ער האט זיי אריינגעברענגט די בחינת לבנה וואס איז מרמז צו ענוה ווי אויבענדערמאנט כַּנַּ"ל.

**(ד"ה וידבר ד' אל משה וגו'.)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת פינחס

**הנני נותן לו - דו פאַרשטייסט נישט אַליין אַז עס איז דאָ אַ מנהיג וואָס פירט אַלעס?!**

**'אלה בני בנימין למשפחותם, ופקודיהם חמשה וארבעים אלף ושש מאות... אלה בני דן למשפחותם... ארבעה וששים אלף וארבע מאות'** (כו, מא-מג).

**זאָגט** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע ('חפץ חיים' על התורה) אַז די תורה האָט אונז דאָ געוואָלט ווייזן, אין חכמה ואין עצה ואין תבונה לנגד ה'! בנימין האָט געהאַט 10 קינדער (בראשית מו, כא), אָבער דן האָט געהאַט נאָר איין זון - חושים. דער דאָזיגער בן יחיד, חושים, איז געווען טויב ל"ע, אַזוי ווי די גמרא דערציילט (סוטה יג.), און פונדעסטוועגן איז שבט דן געווען אַסאַך גרעסער ווי בנימין, און פון אַלע אַנדערע שבטים.

**זאָגט** דער 'חפץ חיים': פון דאָ קען מען לערנען אַז דער מענטש וואָס דער אויבערשטער גליסט אין איהם קען מצליח זיין און האָבן פון איין קינד, מער ווי אַן אַנדערער האָט פון צען קינדער. דאָס זעלבע איז מיט דעם פאַרמעגן פון מענטש. עס איז דאָ אַן אָרימאַן וואָס האָט הצלחה און ער פרייט זיך מיט זיין חלק, און פון דער אַנדערער זייט זעהט מען אַן עושר וואָס האָט נישט קיין הצלחה: עושה כולם ה'.

**א** מענטש טאָר זיך נישט גרויס האַלטן מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט, ווייבאַלד די הצלחה קומט נישט פון דעם מענטש און פון זיין חכמה, און אויך נישט פון זיין קלוגן שכל, נאָר אַלעס קומט מיט דעם רצון פון באַשעפער, לויט די כוונה עליונה. ווען דער אויבערשטער וויל, איז אפילו ווען עס זעהט אויס מיט'ן דרך הטבע אַז דער מענטש האָט נישט חלילה קיין אויסזיכטן, קען אַלעס זיך איבערדרייען צום גוטן, אַזוי ווי ס'איז געווען ביי דן, אַז אַלע 'חכמים' האָבן געזאָגט, וואָס וועט דן שוין האָבן פון זיין בן יחיד, חושים, וועלכער איז טויב רח"ל. פאַקטיש, אָבער, האָט שבט דן געהאַט מער מענטשן ווי אַלע אַנדערע שבטים (מיט'ן אויסנאַם פון שבט יהודה).

**פון** דער אַנדערער זייט, איז יעדער זיכער אַז איינער וואָס איז זוכה צו 10 קינדער, וועט אין די שפּעטערדיגע דורות האָבן קינדער 'כחול הים'. פון דעם לערנען מיר אַז 'אין חכמה ואין עצה'... ס'איז נישט דאָ קיין נאַטורליכע חשבונות, נאָר אַלעס פּאַסירט לויט דעם רצון פון באַשעפער!

**דאָס** זעלבע איז מיט פרנסה[א]. דער עושר ווערט נישט רייך צוליב זיין חכמה, נאָר ס'איז מעגליך אַז

---

**א.** דער חכם מכל האדם, שלמה המלך ע"ה זאָגט (משלי כב, ב) עשיר ורש נפגשו, עושה כולם ה'. ברענגט דער 'ילקוט הגרשוני' (משלי לא) אין נאָמען פון ספר 'משיבת נפש', דער אָרימאַן זיצט ביי זיך אינדערהיים און ער טראַכט ביי זיך: זעה נאָר וואָס פאַראַ 'נעבעך' איך בין. אַלץ ווייל איך האָב נישט זוכה געווען צו חכמה, און צוליב דעם בין איך אָרים. והא ראיה, יענער עושר איז פול מיט קליגשאַפט און חכמה, און דאָס טוט איהם העלפן ער זאָל אַלץ שטייגן אין רייכטום מער און מער, ווייל מיט זיין גרויסע חכמה ווייסט ער ווי אַזוי צו פירן גרויסע געשעפטן, און אַזוי פאַרדינט ער אַסאַך געלט.

אויך דער עושר זיצט ביי זיך אינדערהיים און ער טראַכט אַז זיין חכמה האָט איהם געברענגט זיין רייכטום, און ער ברענגט זיך אַ ראיה פון דעם אָרימאַן וואָס האָט נישט קיין ברויט צו עסן צוליב זיין נאַרישן שכל.

אויף דעם זאָגט שלמה המלך ע"ה, 'עשיר ורש נפגשו' - **ווען דער עושר און דער אָרימאַן באַגעגענען זיך, און אַלע זעהען אַז דער אָרימאַן איז גאָר פיל קלוגער ווי דער עושר. דער עושר איז דאָך אַ פשוט'ער נאַר, דאַן זאָגן אַלע: עושה כולם ה'.** דער אויבערשטער מאַכט אָרים און ער מאַכט רייך. נישט די חכמה ברענגט עשירות, און נישט דאָס טיפּשות מאַכט קאַליע די פרנסה. אַ ראיה האָסטו פון דעם עושר און דעם אָרימאַן, וואָס דער אָרימאַן איז אַסאַך קלוגער ווי דער עושר. דער עושר איז דאָך אַ טיפּש אַנטקעגן דעם אָרימאַן. מוז מען דאָך על כרחך

דווקא זיין 'חסרון' איז גורם פאַר איהם דאָס עשירות[ב].

---

אויך דער אָרימאַן איז נישט אָרים דערפאַר ווייל עס פעלט איהם מזל אָדער שכל, אָדער ווייל ער איז פויל און ער וויל זיך נישט אָנשטרענגען צו אַרבעטן, נאָר זאָגן, אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען. ה' מוריש ומעשיר, משפיל אף מרומם, מיט הימלישע חשבונות - עושה כולם ה'.

ווען דער מענטש ווייסט דעם כלל, איז ער רואיג, ווייל ער ווייסט אַז זיין פרנסה ווענדעט זיך אין דעם אויבערשטען, און נישט אין זיינע אייגענע מעשים.

יעדער איינער פון אונז קען עדות זאָגן וועגן גאָר קלוגע מענטשן, וואָס יעדע 'חכמה' וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט אין זייערע געשעפטן, האָט זיי נאָר גורם געווען געלט שאָדענס. פון דער אַנדערער זייט, קענען מיר אַסאַך 'שוטים', וואָס מאַכן כסדר פאַרשידענע נאַרישע טעותים אין זייערע געשעפטן, זיי האָבן נישט פאַרפעלט אַפילו איין טעות וואָס זיי האָבן נישט געמאַכט, אָבער דאָס אַלץ האָט זיי נאָר געברענגט גרויסקייט און עשירות. פון דעם קען מען פאַרשטיין אַז **רייכטום און אָרימקייט קומט נישט פון די מענטשליכע אַקטיוויטעטן, נאָר ס'איז אַ 'כרוז' וואָס גייט אַרויס פון הימל, אַז איינער זאָל זיין אָרים, און דער צווייטער זאָל זיין רייך...**

**ב.** דער גאון רבי אברהם יפה'ן זצ"ל האָט דערציילט, אַז אין די ישיבה אין נאָוואַרדאָק האָט געלערנט אַ בחור וואָס איז נישט געווען געבענטשט מיט קיין איבעריגע שכל. אַלע בחורים אין ישיבה האָבן אָפּגעלאַכט פון איהם. שפּעטער איז דער בחור רייך געוואָרן, ווען ער האָט געוואונען אַ 'לאָטאָ' מיט די סומע פון פינף טויזנט רובל, 'טבין ותקילין'. ווען מ'האָט איהם געפרעגט ווי אַזוי ער האָט געהאַט אַזאַ 'השגה', צו קענען צוטרעפן גענוי דעם נומער וואָס וועט געווינען אינעם לאָטאָ, האָט ער געענטפערט אַז דער 'סוד' איז איהם אַנטפּלעקט געוואָרן פון הימל אין חלום... ער האָט געזעהן אין חלום די דריי נומערן 17, 18, און 370. האָט מען איהם געפרעגט: דער 'לאָטאָ' האָט דאָך נישט מער ווי דריי נומערן. האָט דער בחור געענטפערט: פאַר דעם דאַרף מען טאַקע האָבן אַזאַ פּיקחות ווי איך האָב, צו קענען מאַכן דעם חשבון: איך האָב צוזאַמענגערעכנט אַלע נומערן, און כ'בין אָנגעקומען צו די סומע פון 415, און דאָס האָב איך אויסגעפילט אינעם 'לאָטאָ'. האָבן זיינע ידידים איהם געפרעגט, אַלעס צוזאַמען, באַטרעפט עס דאָך נאָר 405. (370 און 18, און 17, איז 405). האָט דער בחור געענטפערט: אויב אַזוי, איז דאָך עס טאַקע געווען אַן אָפענער נס, ווייל איך בין נישט אויסגעקאַכט מיט די חכמה פון חשבון...

רבי אברהם יפה'ן פלעגט אויספירן, אַז פון דעם זעהען מיר אַז מ'קען נישט רעכענען אַ 'מעלה' אָדער אַ 'חסרון' ווי עס זעהט אויס מיט'ן אויג. מ'הערט מענטשן זאָגן, יענער איז געוואָרן רייך אַדאַנק זיין גרויסע חכמה, אַ צווייטער האָט פאַרלוירן זיין פאַרמעגן צוליב זיין טיפּשות... אויך הערט מען אָפט מאָל ווי אַ מענטש זאָגט, ווי איז מיר, איך וועל אַוודאי בלייבן אַלע מיינע יאָרן אַ 'דפוק' ח"ו, וויבאַלד איך האָב נישט זוכה געווען צו אַ געוויסע מעלה... איך וועל קיינמאָל נישט געפינען חן אין די אויגן פון מיין 'באָס', וויבאַלד...

אָבער פון די אויבן דערמאנטע מעשה זעהען מיר, אַז אדרבה, דאָס וואָס עס האָט אויסגעזעהן ווי אַ פולשטענדיגער חסרון, פאַר דעם בחור האָט געפעלט שכל און **דווקא דאָס האָט איהם גאָר געהאָלפן צו קענען געווינען דעם לאָטאָ.** דער מענטש קען קיינמאָל נישט וויסן וואָס פאַראַ נוצן עס וועט איהם אַרויסקומען פון אַ געוויסע מעלה, אָדער פון אַ חסרון. **אַלעס ווענדעט זיך אין דעם אויבערשטען'ס רצון, און אין דעם ווי אַזוי מ'האָט אָפּגע'פסק'ענט אין הימל.** ממילא, דאַרף דער מענטש זיך פרייען מיט דעם וואָס דער אויבערשטער האָט איהם געגעבן, און ער זאָל נישט טראַכטן טאָג און נאַכט, אויב איך וואָלט געהאַט די אָדער יענע כשרונות און כוחות, וואָלט איך דאָך גאָר שטאַרק מצליח געווען, ברוחניות אָדער בגשמיות.

דער גאון רבי אברהם משה פכטר שליט"א, אַ גרויסער מרביץ תורה און פון די אָנפירער פון אַ באַקאַנטן כולל אין אלעד, דערציילט, אַז ביים אָנהייב, ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרויספאָרן קיין חוץ לארץ, כדי מזכה צו זיין אידן נדיבי עם מיט די מצוה פון צדקה, זיי זאָלן האָבן אַ חלק אין די גרויסע זכותים פון החזקת הכוללים מיט וועלכע ער פירט אָן, האָט ער נישט געקענט די אידישע שפּראַך, און אַוודאי נישט ענגליש. וועגן דעם איז מיטגעפאָרן מיט איהם אַ חשוב'ער עסקן, וועלכער האָט איהם אַרויסגעהאָלפן מיט אַלעם. אין א געוויסן טאָג, האָט ער באַשטעלט פאַר איהם אַ באַגעגעניש מיט אַ גרויסן עושר, וואו דער עסקן איז געווען דער 'דאָלמעטשער' צווישן דעם עושר און הרב פכטר. (דער עושר האָט נישט געקענט לשה"ק, און הרב פכטר האָט נישט געקענט אידיש).

ס'איז מעגליך אַז אדרבה, דווקא זיינע מעלות האָבן גורם געווען אַז ער זאָל זיין אָרים...

**דער** כלל איז - עושה כולם ה'ג. ממילא, האָט דער מענטש נישט וואָס זיך גרויס צו האַלטן מיט זיינע

---

נאָך דעם ווי דער עושר האָט געהערט די אויפטוהען פון דעם כולל אין אלעד, האָט ער זיך אָנגערופן צו הרב פכטר: איך וועל אייך געבן **1,000** דאָלאַר. דער ראש הכולל, וועלכער האָט - ווי געזאָגט - נישט פאַרשטאַנען אידיש, האָט געמיינט אַז דער עושר האָט געזאָגט אַז ער וועט געבן **הונדערט** דאָלאַר. האָט ער זיך אָנגערופן, אַז עס איז אַ צו-קליינער סכום, און אַזאַ עושר ווי ער, וועט איהם אַוודאי נישט אַוועקשיקן מיט אַזאַ קליינע סומע פון 100 דאָלאַר. האָט דער עושר געהעכערט זיין נדבה אויף צוויי **טויזנט** דאָלאַר, און דער ראש הכולל, וועלכער האָט געמיינט אַז דאָ רעדט מען נאָר פון צוויי **הונדערט** דאָלאַר, האָט זיך אָנגערופן צום עושר אַ צווייטן מאָל: ניין, ס'איז צו-ווייניג... האָט דער עושר געהעכערט זיין נתינה אויף 3,000 דאָלאַר, און רבי אברהם משה, וועלכער האָט נישט מסכים געווען צו נעמען נאָר 'דריי הונדערט' דאָלאַר, האָט זיך ווייטער געהאַלטן ביי זיינעם, ביז זיי זענען אָנגעקומען צו פינף טויזנט דאָלאַר. דער עושר האָט אָנגעשריבן אַ 'טשעק' אויף די סומע פון **פינף טויזנט דאָלאַר**, און זיי האָבן זיך האַרציג און וואַרים געזעגנט.

שפּעטער האָט דער ראש הכולל געזאָגט צו דעם עסקן וואָס האָט איהם אַרומגעפירט, אַז דער עושר האָט איהם זייער שטאַרק אַנטוישט, ווייל אויך זיין גרויסער 'פאַרדינסט' פון 500 דאָלאַר, איז נישט אַ גענוגנדע נדבה פאַר אַזאַ גרויסן כולל... האָט דער עסקן איהם געזאָגט: איר האָט אַ טעות, ווייל דער טשעק באַשטייט פון פינף טויזנט דאָלאַר, 'טבין ותקילין'. נעמט אַרויס דעם טשעק פון טאַש, וועט איר זעהן... האָט רבי אברהם משה אַרויסגענומען פון טאַש דעם טשעק, און ער האָט געזעהן דעם 'אוצר' וואָס איז דאָרט געווען... דאַן האָט ער פאַרשטאַנען זיין פריערדיגן טעות, און **וואָס ער האָט פאַרדינט אַדאַנק זיין 'טעות'**... ווייל אויב ער וואָלט געוואוסט דעם אמת, וואָלט ער נישט געהאַט די העזה זיך איינצושפּאַרן און בעטן נאָך געלט, און נאָך געלט...

פון די מעשה לערנען מיר אַ מורא'דיגן לימוד. עס דאַכט זיך פאַר יעדן איינעם פון אונז, אַז ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערער חסרון פאַר אַ 'משולח' ווי דאָס אויב ער קען נישט די שפּראַך פונעם לאַנד וואוהין ער פאָרט נאָך געלט. דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז **דייקא דער 'חסרון'** האָט געהעכערט זייןביישטייערונג צו פינף טויזנט דאָלאַר...

## מן הבאר

דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט: די וועלט איז געוואוינט צו טראַכטן אויף די אָרימעלייט וואָס לעבן פון נדבות און אַרבעטן נישט צו פאַרדינען געלט, אַז זיי זענען פויל, און צוליב דעם ווילן זיי לעבן אויף דעם חשבון פון אַנדערע מענטשן. דאָס איז אָבער נישט ריכטיג, ווייל מיר גלייבן דאָך אַז אַלעס איז פון הימל, **און אויב עס איז נגזר געוואָרן אויף אַ מענטש צו זיין אַרימאַן ח"ו, גיסט מען אַרויף אויף איהם פון הימל בליי, וואָס מאַכט איהם שווערער צו טוהן אַן אַרבעט אָדער האַנדל, און אַזוי בלייבט ער אַן אָרימאַן ל"ע.** ('חפץ חיים' על התורה, פ' בשלח)

**ג.** קיין באָיאַן, אין די צייטן פון הרה"ק בעל 'פחד יצחק' זי"ע, פלעגט קומען אַ איד אַן עושר, וועמען מ'האָט גערופן הערשעלע קאָוונער. ער איז געווען זייער אַ פּשוט'ער איד, וועלכער האָט קוים פאַרשטאַנען אַ פסוק חומש. ער איז אָבער געווען געבענטשט מיט אַ גאָר שטאַרקע אמונה אין באַשעפער.

דער הערשעלע קאָוונער איז געווען פון די גרויסע תומכים פונעם 'הויף' אין באָיאַן. ווען ער איז געקומען אַהין קיין באָיאַן, איז געווען 'יום טוב אין שטעטל'... די 'יושבים' האָבן שוין געוואוסט, אַז יעצט וועט גאָרנישט פעלן אינעם הויף. הערשעלע וועט אויסגעבן אַסאַך געלט אויף משקה, און מ'וועט קענען זיצן און זיך שטאַרקן אין אמונה און אין עבודת השי"ת. הערשעלע איז כמעט קיינמאָל נישט געזעסן מיט'ן עולם ביי די חסידישע 'זיצן', ווייל ער האָט דאָך נישט געהאַט קיין אַנונג פון וואָס מ'רעדט דאָרט.

איינמאָל איז ער אָבער אַדורכגעגאַנגען ביים טיש ווען די חסידים זענען געזעסן און פאַרברענגט, און צוליב זייער כבוד פאַר איהם, האָבן זיי איהם איינגעלאַדן זיך אַוועקצוזעצן און מיטהאַלטן זייער חסידישן פאַרברענגען.

די חסידים האָבן דעמאָלס געשמועסט צווישן זיך וועגן דעם ווי גרויס עס איז צו האָבן אמונה אין השגחה פּרטית, און אַז קיין שום זאַך פּאַסירט נישט אויף דער וועלט, אָן די השגחה פּרטית פון דעם באַשעפער. הערשעלע האָט דאָך נישט געהאַט קיין גרויסע השגות, און הערנדיג זייער שמועס, האָט ער געוואָלט וויסן וואָס ער קען, האָט ער זיך אָנגערופן: גלייבט מיר, איך בין אַ גרויסער עושר, און איך פיר ברייט-פאַרצווייגטע געשעפטן. איר זאָלט נישט רעדן פון דעם, ווייל **פון ערפאַרונג קען איך אייך זאָגן, אַז די וועלט ווערט נישט געפירט, נישט דורך 'השגחה', און נישט דורך 'פּרטית', נאָר עס איז דאָ איין רבונו של עולם, וואָס ער פירט די גאַנצע וועלט**, און ער טוט אַלעס אויף דער וועלט...

יאָ, הערשעלע קאָוונער האָט פאַרשטאַנען און אנערקענט, אַז אַזעלכע גרויסע געשעפטן ווי ער פירט, קען אַ מענטש נישט אַליין פירן...

אין דער באַקאַנטער שטאָט כעלם אין פוילן האָט מען אין אַ טאָג אויסגערופן, אַז ס'איז אַראָפּגעקומען 'נייעס' אויף דער וועלט. דער אויבערשטער האָט משפיע געווען חכמה אויף דער וועלט, און פון היינט אָן, וועט מען קענען פאָרן פון איין שטאָט צו דער אַנדערער מיט אַ באַן. ברוך השם, אויך אונזער שטאָט כעלם האָט זוכה געווען אַז דער באַן זאָל אַריבערפאָרן נעבן די שטאָט, און מ'האָט שוין אויפגעשטעלט אַ 'באַן-סטאַנציע' וואו דער באַן וועט זיך אָפּשטעלן, און מ'וועט דאָרט קענען אויפשטייגן און אַראָפּגיין פונעם באַן. עס וועט אָנהייבן באַדינען די שטאָט-לייט, אין אַ געוויסן טאָג, 2 אַזייגער נאָכמיטאָג... די מעלדונג האָט - זעלבסט-פאַרשטענדליך - אַרויסגערופן גרויס פרייד ביי אַלע איינוואוינער.

די כעלמער לייט זענען דאָך אָבער נישט אַזוי ווי מענטשן פון אַנדערע ערטער. זיי דאַרפן פאַרשטיין ווי אַזוי יעדע זאַך אַרבעט... זענען זיי יענעם טאָג 1 אַזייגער נאָכמיטאָג, אַריבערגעאַנגען צום הויז פונעם ראש הקהל, רבי זעמל, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס דער קליגסטער מענטש אין שטאָט, ער זאָל זיי ערקלערן ווי אַזוי דער באַן אַרבעט. דער ראש הקהל איז אָבער נישט געווען אין הויז. צוביסלעך זענען אָנגעקומען נאָך און נאָך מענטשן, ביז אַלע שטאָט-לייט זענען שוין געוועןביים טיר פון רבי זעמל'ס הויז, וואַרטנדיג ער זאָל אַהיימקומען. דער זייגער האָט שוין געוויזן דריי אַזייגער, ווען רבי זעמל איז ענדליך אַהיימגעקומען, פול מיט שוויס איבער'ן גאַנן קערפּער. ער האָט קוים געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט, און מיט די לעצטע כוחות האָט ער געזאָגט פאַר די שטאָט-לייט: איך בין דאָך אַ געטרייער ראש הקהל, בין איך היינט אָפּגעשטאַנען מערערע שעות ביי די באַן-סטאַנציע, כדי צו ברענגען פאַר אייך אַלע איינצלהייטן. אַלזאָ, 95 פּראָצענט פאַרשטיי איך שוין ווי אַזוי עס אַרבעט, עס פעלט מיר נאָר פינף פּראָצענט צו פאַרשטיין אויף אַ פולשטענדיגן אופן, און מיט'ן אויבערשטען'ס הילף, וועלן מיר דאָס אויך משלים זיין...

'וכך הוה. איך בין געגאַנגען צו די באַן-סטאַנציע צו זעהן ווי אַזוי עס אַרבעט דער באַן, אָבער איך האָב געזעהן גרויסע אייזערנע קאַסטענס, מיט ריזיגע רעדער, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך מאָדנע קייטן פון אַלע זייטן. איך האָב געזוכט דעם 'פערד און וואָגן' וואָס וועט קומען און פירן די אייזערנע קאַסטענס, אָבער איך האָב זיי נישט געקענט געפינען... בין איך צוגעגאַנגען צום 'קאָנדאַקטאָר' פונעם באַן, אָבער נאָך איידער איך האָב אַפילו באַוויזן צו עפענען דאָס מויל כדי איהם צו פרעגן ווי אַזוי עס אַרבעט, האָט ער מיך אָנגעשריגן אַז איך זאָל איהם נישט שטערן אין דער אַרבעט. אויך ווען ער האָט געהערט פון מיר אַז איך בין דער פאָרשטייער פון אַ גאַנצע שטאָט מיט מענטשן וואָס ווילן פאָרשן דעם ענין, און נישט סתם אַ שטאָט, נאָר די שטאָט כעלם... איז ער נישט נתפּעל געוואָרן, און האָט מיך פשוט פאַרטריבן פון אָרט' - דערציילט דער ראש הקהל, רבי זעמל פאַר די שטאָט-לייט.

'בלית ברירה, האָב איך באַשלאָסן אַליין אויסצופאָרשן די זאַך. איך שטיי דאָך נאָנט צום באַן און איך קען אַליין זעהן ווי אַזוי עס אַרבעט. אַלזאָ, וואָס זאָל איך אייך זאָגן... צוואָנציג באַן-וואַגאָנען זענען געשטאַנען נאָנט איינער צום אַנדערן. בין איך צוגעגאַנגען צום לעצטן באַן - דעם צוואָנציגסטן - און נאָכ'ן עס באַטראַכטן, האָב איך פאַרשטאַנען, ברוך השם, ווי אַזוי עס אַרבעט, ווייל כ'האָב געזעהן אַז עס איז צוגעבונדן מיט אייזערנע קייטן צום נייַנצענטן וואַגאָן, און ממילא, ווען דער נייַנצענטער וואַגאָן וועט זיך רירן פון אָרט, וועט אויך דער צוואָנציגסטער וואַגאָן זיך אָנהייבן צו רירן... דערנאָך האָב איך געזעהן אַז דער נייַנצענטער וואַגאָן איז צוגעבונדן צום אַכצענטן וואַגאָן, ממילא, ווען דער אַכצענטער וואַגאָן וועט אָנהייבן פאָרן, וועט אויך דער נייַנצענטער וואַגאָן זיך מוזן רירן פון אָרט... אַזוי בין איך געגאַנגען פון איין וואַגאָן צום אַנדערן, און איך האָב ביי אַלע געזעהן קייטן צוגעבונדן,

און איך האָב אַזוי פאַרשטאַנען אַז איין וואַגאָן וועט שלעפּן דעם אַנדערן. **נאָר איין זאַך איז ביי מיר געבליבן אַ רעטעניש: ווי אַזוי וועט דער ערשטער וואַגאָן זיך רירן, ער האָט דאָך נישט נאָך אַ וואַגאָן וואָס זאָל איהם מיטרייסן מיט זיך, און אויך נישט אַ פערד וואָס זאָל איהם 'שלעפּן'... וועגן דעם האָב איך אייך געזאָגט, אַז 95 פּראָצענט פאַרשטיי איך שוין ווי אַזוי עס אַרבעט...'.**

דער נמשל פון די מעשה איז פּשוט. אין דער וועלט קומען פאָר פאַרשידענע פּאַסירונגען. איין לאַנד שלאָגט זיך מיט'ן אַנדערן לאַנד, קומט אַ דריטע מדינה און מישט זיך אַריין. דער קלאַפּט אַהין, און דער קלאַפּט אַהער... און מיר וויסן נישט וואָס עס וועט זיין דער סוף. יעדער האָט מורא 'מה יולד יום'... דאָס זעלבע, האָט דער מענטש אַ 'ידיד' וואָס האָט איהם געטוהן אַזוי און אַזוי, און צוליב דעם איז אַרויסגעקומען אַזוי און אַזוי... דיין משפּחה, דער חברותא, די שכנים, אַלע טוהען פּעולות, און עס זעהט דיר אויס ווי אַלע זענען 'שולדיג' אין דיין מצב... זאָגט מען צום מענטש: **רבי איד!... דו פאַרשטייסט נישט אַליין אַז עס איז דאָ אַ 'מנהיג' וואָס פירט אַלעס?! קיין שום זאַך פּאַסירט נישט פון זיך אַליין, נאָר דער באַשעפער טוט אַלעס: 'הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'...**

אַז מ'איז זיך מתבונן אין די אויבן-דערמאַנטע 'מעשה', זעהט מען אַז רבי זעמל, דער ראש הקהל פון כעלם, האָט דאָ געמאַכט דריי טעותים: **א.** ער האָט געמיינט אַז איין וואַגאָן האָט אַ כח אויפ'ן אַנדערן וואַגאָן. **ב.** ער האָט נישט באַגריפן אַז אַלעס ווענדעט זיך אין דעם 'קאָנדאָקטאָר', וואָס פירט באמת דעם גאַנצן באַן, מיט אַלע זיינע 20 וואַגאָנען. און **ג.** וואָס איז געווען זיין גרעסטער טעות - אַז אויב ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ס'איז די אויפגאַבע פונעם ערשטן וואַגאָן, מיינט דאָס אַז ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען... דאָס מיינט נישט אַז עס פעלט איהם נאָר פינף פּראָצענט, נאָר די גאַנצע 95 פּראָצענט האָבן נישט קיין שום חשיבות, עס איז גלייך ווי ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַפילו איין פּראָצענט, ווי אַזוי אַ באַן אַרבעט.

**דאָס זעלבע דאַרפן מיר וויסן, נישט אַ מענטש, און נישט אַ לאַנד, האָבן אַ כח און אַ ממשלה. צווייטענס, אַלעס ווערט געפירט נאָר דורך דעם 'ערשטן' - דער אויבערשטער ברוך הוא, וואָס ער איז דער 'מושל בכל', און 'ומלכותו בכל משלה'. ער טוט אַלעס מיט אַ חשבון פאַר די טובה פון זיינע ליבע אידישע קינדער, און ממילא, דאַרף מען זיין רואיג. דריטענס: נאָר דאָס דאַרפן מיר וויסן, 'אין עוד מלבדו'. אָן די דאָזיגע ידיעה, האָבן מיר גאָרנישט פאַרשטאַנען.**

מיר האָבן געהערט פון אַ חשוב'ן יונגערמאַן אַ מעשה, וואָס 'בדידיה הוה עובדא'. דערציילט ער, אַז ער זוכט שוין אַ לענגערע צייט אַ דירה אין קרית גת. לעצטענס האָט אַ מעקלער ('בראָקער' בלע"ז) איהם אָנגעבאָטן אַ דירה וואָס געהערט צו אַ איד וואָס וואוינט אין רחובות. יענער איז שוין אַן עלטערער איד, און ער וואוינט אַליין. האָט דער יונגערמאַן טעלעפאָנירט צו דעם איד אין רחובות, און ער האָט איהם געזאָגט אַז ער זאָל אַריבערקומען צו איהם קיין רחובות אָפּנעמען דעם שליסל, און ער זאָל פון דאָרט פאָרן קיין קרית גת מיט זיין משפּחה, צי זעהן אויב די דירה איז פּאַסיג פאַר איהם. דערנאָך זאָל ער צוריקקומען צו איהם קיין רחובות מיט'ן שליסל.

דערציילט דער יונגערמאַן, אַז ער איז געפאָרן צום דעם עלטערן איד אין רחובות, גענומען פון איהם דעם שליסל, און געפאָרן קיין קרית גת צו זעהן די דירה. פון דאָרט איז ער צוריקגעקומען קיין רחובות, אָבער ווען ער האָט טעלעפאָנירט צו דעם איד כדי צו זאָגן איהם אַז ער האָט צוריקגעברענגט דעם שליסל, האָט יענער נישט געענטפערט דעם טעלעפאָן. 'אין קול ואין עונה'. בלית ברירה, איז ער אַרויפגעגאַנגען צו איהם אין הויז, מיט די האָפענונג אַז ער געפינט זיך אינדערהיים, אָבער ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט אויפ'ן טיר, האָט קיינער נישט געענטפערט... ער האָט שטאַרק געקלאַפּט אויפ'ן טיר, און האָט שוין אָנגעהויבן באַקומען חששות, ווער ווייסט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דעם איד... ער ענטפערט דאָך נישט דעם טעלעפאָן, און עפענט נישט די טיר... בלית ברירה האָט ער זיך געוואָנדן צו די שכנים פון דעם איד, וועלכע האָבן שוין אויך פאַרשטאַנען אַז 'יש דברים בגו', מסתמא האָט עפּעס פּאַסירט מיט דעם איד. זיי האָבן צוזאַמען אויפגעבראָכן די טיר פון די דירה, האָבן זיי געזעהן ווי דער איד ליגט אויף דער ערד נאָכ'ן ליידן אַ 'סטראָוק' רח"ל, און נאָר מיט ניסי ניסים האָט מען איהם געראַטעוועט אין דער לעצטער מינוט, איהם אָפּפירנדיג אין שפּיטאָל.

זאָגט דער יונגערמאַן: די דירה וועל איך שוין, ווייזט אויס, נישט קענען קויפן פון דעם איד, ווייל לויט זיין מצב יעצט וועט עס דויערן צייט ביז ער וועט קענען אַריינקומען 'בתוך הענינים', צו קענען פאַרקויפן די דירה.

הצלחות, און אויך פאַרקערט, אויב ער האָט נישט קיין הצלחה, זאָל ער נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו. ישועת ה' כהרף עין, אויך ווען עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז דער מצב איז 'לאחר יאוש' ח"ו, קען דער אויבערשטער העלפן אין איין רגע.

**את בריתי שלום - טוהן חסד, מוותר זיין, און אַנטלויפן פון מחלוקת**

**פנחס** בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי מעל בני ישראל בקנאו את קנאתי בתוכם ולא כליתי את בני ישראל בקנאתי, לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום. והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם, תחת אשר קנא לאלקיו ויכפר על בני ישראל (כה, יא-יג).

**זאָגט** דער מדרש (במדב"ר פכ"א, א) 'אמר הקדוש ברוך הוא, בדין הוא שיטול שכרו'. דער אויבערשטער האָט געזאָגט, פנחס פאַרדינט מן הדין צו באַקומען שכר פאַר זיין גוטן טאַט. פרעגן די מפרשים, וואָס איז די כוונה פון די ווערטער, 'בדין הוא שיטול שכרו'. בפרט אַז חז"ל זאָגן (קידושין לט:) 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא'. דער אויבערשטער באַצאָלט נישט שכר אויף דער וועלט פאַר אַ מצוה וואָס דער מענטש איז מקיים.

**ענטפערן** די ספרים ('משך חכמה', פרשתינו, ועוד) אַז מיט זיין קנאות, האָט פנחס געטוהן אַ טובה, סיי כלפי דעם אויבערשטען, סיי כלפי די אידן, ווי דער פסוק זאָגט 'השיב את חמתי, מעל בני ישראל'. אין צוגאָב צו דעם קידוש השם וואָס פנחס האָט גורם געווען, וואָס מיט דעם האָט ער מתקן געווען דעם שרעקליכן חילול השם וואָס איז אַרויסגעקומען פון זמרי, האָט פנחס אויך געברענגט דערצו אַז די מגיפה וואָס האָט שוין ליידער אומגעברענגט 24 טויזנט אידן האָט זיך אָפגעשטעלט - '**ולא כליתי את בני ישראל**'.

---

פון הימל האָט מען אָבער צוגעפירט אַז איך און מיינע בני בית זאָלן אָנקומען צו איהם אין דער לעצטער מינוט, כדי צו ראַטעווען זיין לעבן (ווייל ער האָט דאָך געוואוינט אַליין, און קיינער וואָלט נישט געוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איהם). דאָס קען דינען אַלס אַ לימוד פאַר אונז, ווי אַזוי דער אויבערשטער 'דרייט' אַרום מיט דער וועלט און ער פירט עס, לויט ווי ער פאַרשטייט...

דריי וואָכן צוריק, מאָנטאָג פרשת קרח תשפ"ה, האָט פּאַסירט אַן 'עקסידענט' ל"ע אין ביתר, אויף רחוב 'בנין דוד', וואו עס איז דער צענטער פון שטאָט ('כיכר העיר'). אַן אויטאָ האָט אומגעוואָרפן אַ זעכציג-יעריגן איד. בשעת מעשה, איז דער איד באַצייכנט געוואָרן אַלס לייכט פאַרוואונדעט ב"ה, אָבער מ'האָט איהם אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, ווי ס'איז דער סדר אין אַזעלכע פאַלן, ה"י. מ'האָט דורכגעפירט 'טעסטן' אויף זיין קערפּער, און אויבנאויף האָט אַלעס אויסגעזעהן גוט, אָבער נאָך עטליכע שטונדן, איז צוגעקומען צו איהם דער דאָקטאָר און איהם געזאָגט, אַז אינעם 'סי טי' וואָס מ'האָט געמאַכט אויף זיין קערפּער, האָט מען באַמערקט אַ געוויקס רח"ל אין האַלדז וואָס האָט געדריקט אויף זיין 'חוט השדרה', אויף אַ שווערן אופן ה' ירחם. מ'האָט איהם דריבער באַלד אַריינגעפירט אין אָפּעראַציע-צימער, און דער דאָקטאָר האָט איהם געזאָגט: אויב דו וואָלסט אָנגעקומען אַביסל שפּעטער, וואָלסטו שוין געווען פּאַראַליזירט רח"ל, און ביז אַ קורצע צייט וואָלסטו שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיגע... **נאָר אין זכות פון דעם עקסידענט** וואָס דו האָסט געליטן ביזטו אָנגעקומען אַהער, און מיר האָבן אַדורכגעפירט אויף דיר אַלע נויטיגע טעסטן, און דער אויבערשטער האָט אונז געוויזן וואָס עס טוט זיך ביי דיר אינעם קערפּער, כדי צו ראַטעווען דיין לעבן.

ביי די אָפּעראַציע האָט מען אַרויסגענומען פון זיין קערפּער דעם געוויקס און יעצט איז דער איד געזונט און שטאַרק בעזהי"ת. אַהיימקומענדיג, האָט ער טעלעפאָנירט מיט פרייד צו דעם 'דרייווער' וועלכער האָט איהם איבערגעפאָרן אין ביתר, און נאָכ'ן זיך אַנטשולדיגן פאַר איהם פאַרוואָס ער טעלעפאָנירט צו איהם, האָט ער איהם געדאַנקט פאַר די טובה וואָס ער האָט איהם געטוהן... יענער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל פון איהם, און עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז ער האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט דערמיט. ער איז דערנאָך אַרויפגעקומען צו איהם אַהיים מיט שיינע מתנות פאַר דעם וואָס ער האָט איהם געראַטעוועט דאָס לעבן, ווייל אַדאַנק דעם עקסידענט איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון אַ 'סטראָוק' און נאָך ערגערס דערפון... פונעם עקסידענט איז איהם גאָר אַרויסגעקומען אַ גרויסע טובה...

**דאָס** וואָס חז"ל זאָגן, 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא', איז געזאָגט געוואָרן נאָר ביי מצוות שבין אדם למקום, אָבער ביי מצוות שבין אדם לחבירו, זאָגט די משנה 'אוכל פירותיהן בעולם הזה, והקרן קיימת לו לעולם הבא' (פאה פ"א, מ"א; קידושין מ.). וויבאַלד פנחס האָט געטוהן אַ חסד מיט אידן, קומט איהם שכר אויף די וועלט. זעהען מיר פון דעם, די גרויסקייט און חשיבות און וועגן דעם גוטן שכר וואָס עס באַקומען די גומלי חסדים וואָס טוהען גוטס מיט אַנדערע מענטשן.

**ווייטער** אין דער פרשה (כח, ג-ד) לייענען מיר: 'ואמרת להם זה האשה אשר תקריבו לה', כבשים בני שנה תמימים, שנים ליום עולה תמיד. את הכבש אחד תעשה בבוקר, ואת הכבש השני תעשה בין הערבים'.

**שרייבט** אויף דעם דער זאָלאָזיצער מגיד זי"ע, אין ספה"ק 'תורי זהב', אַז ער האָט געהערט זאָגן בדרך מוסר, אין נאָמען פון הרה"ק רבי איציקל דראָהביטשער זי"ע, אַז עס איז די סדר ביי מענטשן, אַז אויב איינער טשעפּעט מיט איהם און איז איהם גורם אַ צער, האַלטן מען דעם כעס און דעם תרעומות ביז ערב יום כיפור, ווען אידן טוהען זיך איבערבעטן איינער מיט'ן אַנדערן. דער אמת איז אבער, אַז מ'דאַרף יעדע נאַכט איידער מ'גייט שלאָפן, מוחל זיין פאַר יעדן איינעם וואָס האָט געטשעפּעט מיט איהם אין משך פונעם פאַרלאָפענעם טאָג. דאָס זעלבע אינדערפרי, דאַרף דער מענטש מוחל זיין במחילה גמורה פאַר דער וואָס האָט געטשעפּעט מיט איהם ביינאַכט[ד].

**דאָס** איז מרומז דאָ אין פסוק, זה האשה אשר תקריבו לה'. איר קענט גורם זיין אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען, דורך 'כבשים בני שנה'. זאַכן וואָס זענען 'כבוש' - באַהאַלטן - אין אייער האַרץ אַ גאַנץ יאָר, זאָלט איר נישט וואַרטן ביז ערב יום כיפור מוחל צו

---

**ד.** הרה"ק בעל 'ברכת אברהם' מ'סלאָנים זי"ע, פלעגט דערציילן, אַז איידער דער גאון רבי יום טוב ליפּמאַן היילפּערין זצ"ל איז געוואָרן רב אין דער שטאָט קאָפּוליע, האָט ער זיך אויסגענומען צוויי תנאים מיט די ראשי הקהל: **א)** קיינער זאָל נישט וואַגן צו טוהן אַ זאַך וואָס איז נוגע צו די ענינים פון די שטאָט, אָן זיך דורכרעדן פריער מיט איהם, און באַקומען רשות דערויף. **ב)** היות ער וויל זיצן און לערנען בהתמדה אָן קיין שטערונגען, זאָל מען זיך נישט קומען דורכרעדן מיט איהם איבער קיין שום ענינים, נאָר מוצאי שבת. אַ גאַנצע וואָך, איז רבי ליפּמאַן טאַקע געזעסן אין בית המדרש על התורה ועל העבודה, נאָר פרייטאָג פלעגט ער אַהיימקומען אויף שבת.

אַמאָל איז די רעביצין געגאַנגען קויפן פיש אינעם מאַרק, און זי האָט דאָרט געזעהן אַ שיינעם פיש, וואָס זי האָט געוואָלט קויפן פאַר די שבת'דיגע סעודות. זי האָט געפרעגט דעם פיש-סוחר דעם פרייז וואָס ער פאַרלאַנגט פאַר דעם פיש. פונקט דאַן איז אָנגעקומען די פרוי פון איינע פון די עשירים אין שטאָט, און געוואָלט קויפן דעם זעלבן פיש. האָט זי אָנגעבאָטן פאַר דעם פיש-סוחר אַ העכערן פרייז, און דער סוחר האָט איר טאַקע פאַרקויפט דעם פיש. האָט די רעביצין געזאָגט צו די רייכע פרוי, אַז זי האָט עס געוואָלט קויפן פריער. האָט די רייכע פרוי איר געענטפערט מיט שאַרפע רייד, און איר פאַרשעמט ברבים.

הערנדיג די מעשה, האָט די גאַנצע שטאָט גע'רעש'ט איבער דעם בזיון פון כבוד התורה. די 'טובי העיר' פון שטאָט האָבן געוואָלט 'לערנען אַ לעקציע' פאַר די פרוי פונעם גביר, און איר באַשטראָפן ווי עס קומט איר. זיי האָבן אָבער גאָרנישט געקענט טוהן, ווייל דער רב האָט זיך דאָך אויסגענומען מיט זיי ווען ער האָט אָנגענומען די רבנות-שטעלע, אַז מ'וועט גאָרנישט טוהן אין דער שטאָט אָן זיין צושטימונג, און מ'קען דאָך נישט צוקומען צו איהם ביז מוצאי שבת... האָבן זיי געבעטן די רעביצין, זי זאָל 'צוגרייטן דעם באָדן', און 'אָנוואַרימען' דעם רב, כדי אַז ווען זיי וועלן מיט איהם רעדן וועגן דעם מוצאי שבת, וועט ער אַוודאי מסכים זיין זיך אָנצונעמען פאַר זיין רבנות-שטעלע...

פרייטאָג צו נאַכטס, ווען דער רב איז אַהיימגעקומען פון שול און געוואָלט מאַכן קידוש, האָט ער געזעהן אַז די רעביצין זיצט ביי אַ באַזונדערן טיש. אַ דערשראָקענער האָט ער איר געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט. האָט זי איהם געענטפערט, 'איך בין נישט ווערד צו זיין אַ רעביצין, און זיצן מיט'ן רב ביי איין טיש'... אין די ערשטע מינוט, האָט דער רב נישט פאַרשטאַנען איר כוונה מיט די ווערטער. האָט זי איהם דערציילט אַלעס וואָס עס

זיין, נאָר 'שנים ליום' - יעדן טאָג זאָלט איר מוחל זיין צוויי מאָל אַ טאָג - ביינאַכט, און אינדערפרי.

**און** דער פסוק איז ממשיך, 'את הכבש אחד' - די כעס וואָס איז באַהאַלטן אין דיין האַרץ, 'תעשה' - זאָלסטו פאַררעכטן, 'בבוקר' - באַלד אינדערפרי, זאָלסטו אָפּטוהן פון דיין האַרץ דעם גאַנצן כעס. 'ואת הכבש השני תעשה' - דעם צווייטן כעס, זאָלסטו פאַררעכט, 'בין הערבים' - איידער דו לייגסט דיך שלאָפן ביינאַכט.

**עס** איז באַקאַנט וואָס עס שטייט אין ספה"ק 'תומר דבורה'[ה] (פ"א), אַז מיר דאַרפן זיך לערנען פון וויאזוי דער אויבערשטער פירט זיך. פונקט אַזוי ווי דער

---

האָט פאַסירט, און ווי די רייכע פרוי האָט איר פאַרשעמט אינעם פיש-געשעפט. די רעביצין האָט צוגעגעבן, אַז די טובי הקהל האָבן געוואָלט קנס'ענען יענע רייכע פרוי, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געקענט טוהן, ווייל זיי קענען זיך נישט אַדורכרעדן מיט דעם רב... האָט דער רב איר איבערגעבעטן און באַרואיגט, און זי האָט באַוויליגט צו קומען עסן ביים שבת'דיגן טיש.

ווען דער רב איז שוין געווען גרייט צו מאַכן קידוש, האָט ער זיך פאַרטראַכט אַ מינוט, און געפרעגט די רעביצין ווען עס האָט פאַסירט די מעשה מיט די רייכע פרוי. האָט די רעביצין געענטפערט, אַז די מעשה איז פאָרגעקומען דינסטאָג. האָט דער רב זיך געוואונדערט הויך אויפ'ן קול: **דינסטאָג... דינסטאָג... פון דינסטאָג ביז היינט, האסטו געטראָגן אין האַרץ אַ כעס אויף אַ אידישע טאָכטער?...** האָט די רעביצין זיך אָנגערופן אַז זי איז מוחל פאַר יענע פרוי, אָבער דער רב האָט עס נישט אָנגענומען, זאָגנדיג: מיר דאַרפן שוין אַריבערגיין אין הויז פון דעם עושר, בעטן מחילה פון זיין פרוי פאַר דעם וואָס דו האָסט געהאַלטן אין האַרץ אַ כעס אויף איר, פון דינסטאָג ביז יעצט... **מ'קען עס נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן!**

דער רב און די רעביצין זענען טאַקע אַריבערגעגאַנגען צום הויז פונעם עושר. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אויפ'ן טיר, און ווען די בני בית האָבן געפרעגט ווער עס קלאַפּט אויפ'ן טיר, האָט דער רב געזאָגט זיין נאָמען. האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז דער רב איז מסתמא געקומען געבן זיי אַ 'פסק' פאַר דעם וואָס זי האָט גורם געווען פאַר זיין 'אשת חבר' בזיונות, און זיי האָבן זיך זייער דערשראָקן, מורא האָבנדיג פאַר די הקפדה פונעם רב. זיי זענען געפאַלן צו די פיס פונעם רב און זיין רעביצין, בעטנדיג מחילה. דער רב האָט זיי אָבער געזאָגט, אַז אדרבה, מיר זענען גאָר געקומען בעטן מחילה פון אייך, פאַר די טינה בלב וואָס די רביצין האָט געהאַט פון דינסטאָג ביז יעצט... אַלזאָ, מ'האָט זיך איבער-געבעטן איינער פון אַנדערן, און ערשט דאַן איז דער רב צוריקגעגאַנגען אַהיים מאַכן קידוש.

ווען דער 'ברכת אברהם' פלעגט דערציילן די מעשה, פלעגט ער זיך 'צעפייערן' און זאָגן: **דינסטאָג... דינסטאָג... פון דינסטאָג ביז היינט, האָסטו אַ טינה בלב אויף אַ אידישע טאָכטער...** אַלע צוהערער האָבן זיך דאָס גוט אַריינגענומען אין קאָפּ, ווי ווייט מ'טאָר נישט האַלטן אין האַרץ אַ טינה אויף אַ צווייטן, **אויך ווען מ'איז גערעכט..!**

(די הויפט פרטים פון די מעשה, זענען געדרוקט אין די הקדמה פון אַן אייניקל פון דעם גאון רבי יום טוב ליפמאַן הייפעלרין זצ"ל, אויף זיין ספר 'תוספת קדושה').

**ה.** דער ערשטער באַוובער רב הרה"ק מהר"ש זי"ע, האָט געזאָגט, אַז **ער האָט קונה געווען אַלע זיינע מדריגות און השגות פון לערנען יעדן טאָג דעם הייליגן ספר 'תומר דבורה'.**

ענליך האָט געזאָגט דער 'אַלטער' זצ"ל פון קעלם (געברענגט אין אָנהייב פון ספר 'תומר דבורה', געדרוקט אין שנת תשכ"ה, ביים סוף פונעם מאמר 'ארון התורה') אַז **דער ספר 'תומר דבורה' איז דער 'שולחן ערוך' פון מדות טובות**, ווי אַזוי אַ איד דאַרף זיך פירן.

דער של"ה הקדוש זי"ע שרייבט (אין זיין הסכמה אויפ'ן ערשטן דרוק פון ספה"ק 'תומר דבורה', י' סיון שנת שפ"א) אַז **יעדער איינער וואָס געוואוינט זיך צו לערנען דעם ספר, און ער זאָגט עס יעדע וואָך אָדער יעדן חודש, איז פאַרזיכערט מיט עולם הבא:** 'ואשרי לו וטוב לו'.

הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון הייליגן צאַנזער רב בעל 'דברי חיים' זי"ע, אַז צו **לערנען דעם ספר 'תומר דבורה', איז אַ 'סגולה בדוקה' פאַר אַ רפואה פון די ביטערע מחלה רח"ל.**

אויבערשטער איז אַ 'מעביר על מדותיו' כביכול, דאַרפן מיר אויך טוהן דאָס זעלבע[ו].

'מי א-ל כמוך' - דער אויבערשטער כביכול פאַרטראָגט יעדן מין 'פאַרשעמונג'. יעדע זאַך אויף דער וועלט געפינט זיך דאָך אונטער די השגחה פון דעם אויבערשטען, און ס'איז נישט דאָ אַ רגע וואָס דער מענטש ווערט נישט געשפייזט מיט אַ הימלישן כח, און אויב דער מענטש זינדיגט חלילה, באַקומט ער דאָך אויך יענע רגע חיות פון באַשעפער, וועלכער העלפט איהם אויך דעמאלטס. דאָס מיינט, אַז דער אויבערשטער 'פאַרטראָגט' אַזאַ מין 'פאַרשעמונג' כביכול, משפיע צו זיין אויף דעם מענטש כוחות זיך צו באַוועגן, אויך ווען מען נעמט דעם כח צו זינדיגן ח"ו. כאָטש דער אויבערשטער איז בכח אין איין סעקונדע אויסצוטריקענען די הענט און פיס פון דעם בעל עבירה, ענליך ווי ער האָט געטוהן מיט ירבעם, און פונדעסטוועגן, כאָטש דער אויבערשטער וואָלט געקענט זאָגן, אויב דו זינדיגסט, זאָלסטו זינדיגן ביי דיינעם - נישט ביי מיינעם, טוט ער אָבער פאַרטראָגן דעם 'עלבון' כביכול, און ער איז משפיע גוטס פאַר דעם מענטש אויך אין יענע סעקונדע.

דאָס איז אַ מדה וואָס דער מענטש דאַרף זיך אויך אַזוי פירן - די מדה פון סבלנות. ממילא, אויך אויב איינער האָט דיר געטוהן אַן עוולה, דאַרפסטו עס פאַרטראָגן און נישט ענטפערן יענעם, עבדה"ק[ז].

דער כלל איז, אַז מיר דאַרפן פיינט האָבן מחלוקת[ח], און נאָכיאָגן די מדה פון שלום. ספּעציעל אין די

---

אויך פלעגט הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע זאָגן פאַר מענטשן וואָס האָבן געליטן פון די ביטערע מחלה רח"ל, זיי זאָלן לערנען דעם ספר 'תומר דבורה'.

**ו.** הגה"ח רבי מרדכי אלימלך וואזנער שליט"א, דער 'בן-זקונים' פון דעם גאון בעל 'שבט הלוי' זצ"ל, דערציילט, אַז אַמאָל האָט איינער איהם זייער שטאַרק פאַרשעמט, און דער בזיון איז געווען נאָך גרעסער, ווייל ער איז דעמאָלס געשטאַנען נעבן זיין גרויסן טאטע הרב וואָזנער זצ"ל. האָט דער טאַטע איהם געזאָגט: חז"ל דערציילן (ויק"ר פט"ו, ד) אַז ווען די אידן האָבן געהערט די פרשה פון נגעים, האָבן זיי זייער שטאַרק מורא געהאַט. האָט משה רבינו ע"ה זיי געזאָגט: איר זאָלט נישט מורא האָבן, ווייל די נגעים זענען פאַר די גוים, אָבער איר, אידן, 'לאכול ולשתות ולשמוח' - זאָלט עסן און טרינקען, און זיין פריילין, ווייל דער פסוק זאָגט (תהלים לב, י) 'רבים מכאובים לרשע, והבוטח בה' חסד יסובבנו'.

דאַרף מען פאַרשטיין, זענען דען די נגעים געזאָגט געוואָרן פאַר די גוים? און אויך איז שווער, וואָס מיינען חז"ל צו זאָגן מיט זייערע ווערטער 'לאכול ולשתות ולשמוח'. האָט הרב וואָזנער געענטפערט, אַז דער גוי וואָס דאַרף אַריבערגיין אַ 'זיכוך', האָט נישט קיין אַנדערן וועג נאָר מ'זאָל אויף איהם ברענגען נגעים רח"ל, אָבער **אידן האָבן דאָך דעם כח פון בושה, וואָס שפּאָרט זיי אַלע סאָרטן יסורים**, און ממילא, קענען זיי מקיים זיין 'לאכול ולשתות ולשמוח', ווייל זיי קענען געלייטערט ווערן דורך דעם בזיון.

**ז.** דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע טייטשט ('זאת זכרון', דפו"י ע' ח, ד"ה 'בפרשת צו') דעם פסוק 'כבשים בני שנה תמימים שנים ליום עולה תמיד'. '**כבשים**' איז פון לשון 'כובש כעסו' (איינהאַלטונג פון כעס). דער מענטש דאַרף זיין אַ 'מעביר על מדותיו', און וויבאַלד חז"ל זאָגן (ר"ה יז.) 'המעביר על מדותיו מעבירין ממנו כל פשעיו', וועט דאָס גורם זיין '**בני שנה**' - ער זאָל זיין ריין פון עבירות, אַזוי ווי אַ קינד וואָס איז איין יאָר אַלט. '**שנים ליום**' - צוויי מאָל אַ טאָג, אינדערפרי און ביינאַכט - **ווען דער מענטש קומט אַהיים, זאָל ער נעמען אויף זיך נישט צו האָבן קיין שום הקפדה, ווייל אין ביהמ"ד, איז נישט אַזוי שכיח אַז דער מענטש זאָל אַריינפאַלן אין כעס, ווייל געוועהנליך קומט מען זיך בעסער אַדורך מיט חברים און ידידים, ווי מיט די בני בית.** אויך אויפ'ן גאַס איז נישט אַזוי שכיח מ'זאָל מקפיד זיין, נאָר ס'איז מער שכיח אינדערהיים. דאַן וועט ער זוכה זיין, '**תמימים**' - ער וועט נישט צוקומען צו גאווה, וואָס איז אַ פעלער. דאָס וועט פירן דערצו אַז ער זאָל זיין אין דער בחינה פון '**עולה תמיד**' - ער וועט שטענדיג גיין העכער און העכער, און ער וועט נישט אַראָפּפאַלן פון זיינע מדריגות, ווייל דורך כעס גייט חלילה אַוועק די נשמה פון מענטש.

**ח.** עס ווערט געברענגט אין ספה"ק 'דברי בינה', פון הרה"ק רבי יעקב יצחק מביאַלע זי"ע, אויפ'ן פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (כה, יז) 'צרור את המדינים'. 'מדינים' איז פון לשון מחלוקת. **די תורה באַפעלט אונז פיינט צו האָבן מחלוקת.**

יעצטיגע טעג פון 'בין המצרים'[ט], ווי די גמרא זאָגט געוואָרן צוליב דעם חטא פון שנאת חנם וואָס האָט (יומא ט:), אַז דער צווייטער בית המקדש איז חרוב דעמאָלס געבושעוועט צווישן אידן. ממילא, 'ויהי יתן

---

הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע האָט געזאָגט ענליך, מיט אַ הוספה, חז"ל זאָגן (יומא ט:) אַז דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געוואָרן צוליב די דריי האַרבע עבירות פון עבודה זרה, גילוי עריות, און שפיכות דמים, און דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געוואָרן צוליב שנאת חינם, ווייל מחלוקת איז האַרבער פון די דערמאָטע דריי האַרבסטע עבירות. אויף דעם זאָגט דער פסוק: **'צרור את המדינים'** - דו זאָלסט פיינט האָבן די בעלי מחלוקת, **'כי צוררים הם לכם על דבר פעור'** - ווייל זיי זענען נאָך ערגער ווי מענטשן וואָס דינען עבודה זרה ח"ו ('פעור'). **'ועל דבר כזבי'** - דער חטא פון גילוי עריות רח"ל. און דערנאָך שטייט **'ויהי אחרי המגיפה'**, וואָס איז אַ רמז אויף שפיכות דמים רח"ל, און מחלוקת איז ערגער פון די דריי זאַכן.

**ט.** מיר האַלטן יעצט נאָך שבעה עשר בתמוז. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ימי 'בין המצרים'. עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך, אַז מ'טאָר זיך נישט אָפּשערן אין דער וואָך פון תשעה באב. דער רמ"א שרייבט, אַז מ'פירט זיך נישט צו זיך באָדן פון ראש חודש אב, און **מ'שערט זיך נישט די האָר, פון שבעה עשר בתמוז.**

דער 'בניהו' שרייבט אויף די ווערטער פון חז"ל (סוטה ט:) אַז אבשלום האָט ווידערגעשפעניגט מיט זיינע האָר, ווענן דעם איז ער אויפגעהאָנגען געוואָרן ביי זיינע האָר. וואָס איז די שייכות פון אבשלום'ס גאווה מיט זיינע האָר, צו זיין מרידה קעגן זיין טאַטן, דוד המלך ע"ה?

זאָגט דער 'בניהו', ס'איז באַקאַנט אַז יעדער האָר אין קאָפּ פון אַ מענטש, שעפּט זיין חיות פון אַ באַזונדערן לעכל אין קאָפּ פונעם מענטש, און די גמרא זאָגט (ב"ב טז.) אַז אויב צוויי האָר וואָלטן אַרויסגעקומען פון איין לאָך, וואָלט דער מענטש בלינד געוואָרן ח"ו. דאָס לערנט אונז, אַז **אַ מ'טאָר נישט קוקן אויף דעם וואָס עס קומט פאַר ביי א חבר, ווייל יעדער מענטש האָט אַ באַזונדערן 'צינור' - וואָס איז דער שורש פון זיין פרנסה און אַלע אַנדערע באַדערפעניש. ער האָט נישט קיין 'געשעפטן' מיט זיין חבר'ס 'צינור', און דער חבר האָט גאָרנישט מיט זיין 'צינור', צו גליסטן דערצו.** אויב אבשלום וואָלט זיך מתבונן געווען אין די נאַטור פון די האָר, וואָלט ער נישט צוגעקומען ווידערצושפעניגן אין זיין טאַטן און צונעמען פון איהם זיין מלוכה, ווייל ער וואָלט פאַרשטאַנען אַז זיין טאַטע קען איהם גאָרנישט צונעמען, און ער קען גאָרנישט צונעמען פון זיין טאַטן. וויבאַלד ער האָט זיך אָבער גרויס געהאַלטן מיט זיינע 'האָר', און זיך געקריגט מיט זיין טאַטן, איז ער געשטראָפט געוואָרן אויפגעהאָנגען צו ווערן ביי זיינע האָר.

לויט דעם קען מען פאַרשטיין די ווערטער פון די גמרא (סנהדרין קי.) אַז קרח האָט גע'טענה'ט קעגן משה רבינו ע"ה ווענן די 'האָר'. ער האָט אָפּגעשוירן די אַנדערע לויים, און זיי אַוועקגעשטעלט פאַר משה ווען זיי זענען געווען אָפּגעגאָלט פון זייערע האָר (דער 'חתם סופר' זצ"ל שרייבט, אַז דער נאָמען 'קרח' האָט גורם געווען דערצו, פון לשון 'קירח'). דאָס מיינט, אַז קרח האָט נישט געלערנט דעם לימוד פון די האָר, וואָס מ'זעהט אַז יעדעס האָרל האָט אַן אייגענעם 'צינור', פון וואו עס קומט אַ באַזונדערע השפעה. קרח האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז משה רבינו ע"ה קען נישט אַוועקנעמען פון איהם זיין אָרט, און ער קען נישט איבערנעמען דאָס אָרט פון משה רבינו ע"ה. אויב קרח וואָלט דאָס פאַרשטאַנען, וואָלט ער נישט אונטערגענומען די גאַנצע מחלוקת...

ממילא, איז שוין פאַרשטענדליך פאַרוואָס מ'טאָר זיך נישט שערן די האָר פון שבעה עשר בתמוז ביז נאָך תשעה באב, ווייל אין די טעג פון 'בין המצרים', דאַרף מען אויסרייסן פון זיך די שלעכטע מדות פון קנאה און שנאת חינם, און דורך דעם העלפט מען אויפבויען דעם בית המקדש. צוליב דעם, שערט מען זיך נישט אין די טעג, כדי **מ'זאָל זעהן די 'האָר' פאַר די אויגן, און זיך אַראָפּלערנען פון זיי צו פאַרשטיין אַז יעדער מענטש האָט אַ באַזונדערן צינור און מקור פון שפע, און ממילא וועט קיינער נישט האָבן קנאה און שנאה אויף אַ צווייטן.**

לויט דעם קען מען זאָגן אַ טעם פאַרוואָס די חדשים פון תמוז און אב זענען אַנטקעגן די 'אויגן' (ווי עס שרייבן די מקובלים), ווייל אין די צוויי חדשים, דאַרף יעדער איד זיך מתבונן זיין אין זיינע 'אויגן'. **אויב די אויגן זענען נישט בלינד ח"ו און זיי זעהען, זעהט מען אַז צוויי האָר קענען נישט אַרויסקומען פון זעלבן לאָך.** ממילא וועט מען נישט האָבן קנאה און שנאת חינם, און אַזוי וועט געבויט ווערן דער בית המקדש בב"א.

אל לבו', צו נעמען אויף זיך פון היינט און ווייטער, מוסיף צו זיין אהבת חינם', און טוהן גוטס מיט אַנדערע אידן[יא], אויך מיט איינעם וואָס האָט איהם באַ'עוול'ט.

**דער עיקר איז, אַז דער מענטש זאָל נישט קוקן אויף זיך אַליין, נאָר ער זאָל פאַרשטיין אַז אויסער איהם, זענען דאָ נאָך מענטשן אויף דער וועלט[יב]...**

---

**י.** כ"ק אדמו"ר מטשערנאָביל שליט"א דערציילט, אַז דער באַיאַנער רבי, הרה"ק רבי מרדכי שלמה זי"ע, האָט אַמאָל דערציילט פאַר איינע פון די קינדער פון וויזשניצער רבי'ן הרה"ק בעל 'תורת מרדכי' זי"ע, אַז זייער עלטער-זיידע, הרה"ק בעל 'אהבת ישראל' זי"ע, איז אַמאָל געוועזן אויף שבת אין אַ געוויסע שטאָט, און ער האָט דאָרט אָפּגעגעבן כבוד פאַר אַ פשוט'ן איד פון שטאָט. די שטאָט-לייט האָבן זיך זייער געוואונדערט פאַרוואָס דער 'אהבת ישראל' איז אַזוי מכבד דעם איד, און איינער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, און געפרעגט דעם 'אהבת ישראל': ילמדינו רבינו, פאַרוואָס איז דער רבי אַזוי שטאַרק מכבד דעם איד? האָט דער 'אהבת ישראל' געענטפערט: **דער בית המקדש איז דאָך חרוב געוואָרן צוליב שנאת 'חינם', און דער תיקון דערפאַר איז, מ'זאָל ליב האָבן אידן 'אומזיסט', כפשוטו...** - אָן אַ סיבה, נאָר דערפאַר ווייל ער איז אַ איד, וואָס שטאַמט פון די הייליגע אבות, אברהם, יצחק, און יעקב, און דייקא אין דעם דאָזיגן איד, געפין איך אט דעם 'תיקון'...

**יא.** עס ווערט געברענגט אַז ווען הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע האָט געבויט זיין בית המדרש אין סלאָנים, איז ער אַרומגעפאָרן איבער די שטעט צו זאַמלען געלט ביי די חסידים און נדיבי עם, זיי זאָלן העלפן ענדיגן בויען דעם בנין. פרשת פנחס, איז ער געווען אין דער שטאָט קריניק, וואו עס האָט געוואוינט איינער פון זיינע חסידים, אַ גרויסער נגיד. דער 'יסוד העבודה' האָט געבעטן פון דעם נגיד אַ גרויסן סכום געלט צו העלפן בויען די ביהמ"ד אין סלאָנים. ווען דער 'יסוד העבודה' האָט געזעהן אַז ס'איז שווער פאַר דעם עושר אַרויסצונעמען אין איין מינוט אַזאַ גרויסן סכום געלט, האָט ער איהם געזאָגט בדרך הלצה אויפ'ן פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה: 'פּנחס בן אלעזר'. '**פנחס**' - אויב דו האָסט רחמנות אויף זיין געלט. '**בן**' - דאַרפסטו פאַרשטיין, אַז '**א-ל עזר**' - דער אויבערשטער האָט געהאָלפן, און ער וועט ווייטער העלפן... אין זכות פון די מצוה פון צדקה, וועסטו נאָך מער מצליח זיין אין דיינע געשעפטן. ('בית דלי', פון הגה"ח רבי יצחק דוד לידער ז"ל)

### מן הבאר

הרה"ק רבי פּנחס'ל קאָריצער זי"ע האט געטייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה 'את קרבני לחמי לאשי', אַז דער פסוק איז מרמז, 'את קרבני' - **אויך היינטיגע צייטן קען מען ברענגען אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטען, דורך** 'לחמי' - **געבן צו עסן ברויט**, 'לאשי' - **פאַר דעם אויבערשטען'ס מענטשן.** מ'זאָל געבן צו עסן און אויסהאלטן אידן וואָס דאַרפן אָנקומען דערצו. ('ליקוטי אמרי פנחס', בין המצרים, און אַזוי טייטשט אויך הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע, און דער טריסקער מגיד זי"ע)

**יב.** ווען הרה"ק בעל 'אמרי אמת' מ'גער זי"ע, האָט אויפגענומען הגה"ח רבי שרגא פייוול מאַנדל ז"ל, אַלס פּריוואַטער מלמד פאַר זיין בן-זקונים, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, האָט דער 'אמרי אמת' געגעבן פאַר רבי פייוול הדרכות וואָס ער זאָל לערנען מיט'ן קינד, און ער האָט צוגעגעבן, ער זאָל אויך לערנען מיט איהם ספרי מוסר.

אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט דער 'אמרי אמת' געפרעגט רבי פייוול'ען ווי אַזוי עס גייען די לימודים, און צי ער לערנט מיט איהם אויך מוסר-ספרים. האָט רבי פייוול געענטפערט, אַז יאָ, ער לערנט מיט איהם דעם ספר 'מסילת ישרים'. האָט דער 'אמרי אמת' איהם געזאָגט, אַז מיט יונגע קינדער איז בעסער צו לערנען דעם ספר 'אורחות צדיקים'. האָט רבי פייוול געזאָגט, אַז ער וועט אַזוי טוהן, אָבער ער וויל וויסן, פאַרוואָס ס'איז בעסער צו לערנען מיט אַ קינד 'אורחות צדיקים', ענדערש ווי 'מסילת ישרים'. האָט דער 'אמרי אמת' איהם געזאָגט:ביידע זענען טייטש '**וועגן**' ('מסילה', און 'אורח'), **נאָר '**מסילת**'** ישרים איז אַ לשון יחיד, ווייל די '**ישרים**' האָבן נאָר **איין** וועג, אָבער '**אורחות**' איז אַ לשון רבים - **אַסאַך** וועגן. **מיט די יונגע קינדער דאַרף מען לערנען, אַז עס זענען דאָ אַסאַך וועגן ביי יעדע זאַך, אויך ביי עבודת השם. מ'טאָר נישט גרינגשעצן דעם דרך פון אַ צווייטן,** כאָטש יעדער איינער מעג זיך פירן אויף **זיין** וועג (געברענגט אין ספר 'אוצרותיהם אמלא', אין נאָמען פון הרה"ח רבי יעקב ראָזענטאַל, וואָס ער האָט עס געהערט פון זיין זיידן, דער בעל העובדא רבי פייוול ז"ל).

יעצט איז דער זמן ווען יעדער איינער דארף מאַכן פאַר זיך אַ חשבון הנפש, צו פאַררעכטן זיינע מידות, און טוהן גוטס מיט זיינע אַרומיגע[יג].

**אַזוי** שרייבט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (תורת משה', ד"ה 'את הכבש') אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כח, ג-ד) 'זה האשה אשר תקריבו לה', כבשים בני שנה תמימים, שנים ליום עולה תמיד. את הכבש אחד תעשה בבוקר, ואת הכבש השני תעשה בין הערבים. כמנחת הבוקר וכנסכו תעשה' וגו'. די חז"ל זאָגן, אַז דער תמיד של שחר האָט מכפר געווען אויף די שלעכטע מחשבות וואָס אידן האָבן געטראַכט ביינאַכט, און דער תמיד של בין הערבים האָט מכפר געווען אויף די הרהורי עבירה וואָס מ'האָט געטראַכט אין לויף פונעם טאָג. מסתמא זענען די שלעכטע געדאַנקען פון ביינאַכט וועגן ענינים 'בין אדם למקום', און די שלעכטע געדאַנקען בייטאָג, זענען וועגן ענינים 'בין אדם לחבירו' (ווי ס'איז דער סדר אַז בייטאָג געפינט מען זיך צוזאַמען מיט מענטשן, און ביינאַכט איז מען אַליין אינדערהיים).

**זאָגט** דער פסוק, אַז מ'זאָל מאַכן דעם תמיד של בין הערבים 'כמנחת הבוקר וכנסכו', מרמז צו זיין אַז דו זאָלסט זוכן אַ כפרה אויף די עבירות שבין אדם לחבירו, פונקט אַזוי ווי דו זוכסט אַ כפרה אויף די עבירות וואָס דו האָסט געטוהן בין אדם למקום[יד].

### כל רודפיה השיגוה - די גרויסקייט פון די יעצטיגע טעג

**דער** הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט אַז די ימי 'בין המצרים' האָבן גאָר אַ גרויסע קדושה, ווייל פונקט אַזוי ווי די טייערע דיאַמאַנטן-שטיינער קומען פון אונטער די 'הרי חושך', אַזוי אויך די געהויבענע אורות, און די טעג פון געוואַלדיגע התעלות, זענען דייקא אין די יעצטיגע שווערע טעג, ווייל אין די גאַנצע הסתרה ליגן באַהאַלטן גרויסע אוצרות.

**דער** רוזינער זי"ע האָט אויסגעפירט, זאָגנדיג: דער אויבערשטער ווייסט דעם אמת, אַז ווען איך בין געווען יונג און איך האָב געהאַט כח, איז מיר אַנטפלעקט געוואָרן אַ גרויסער אור יעדן טאָג פון די יעצטיגע טעג'[טו] (אין די דריי וואָכן).

---

**יג.** דער באַקאַנטער משפיע הגה"צ רבי ישראל דוד שלעזינגער שליט"א פון מאָנסי, דערציילט אַז אין זעלבן טאָג ווען ער איז אַלס בחור געקומען לערנען אין דער טשעבינער ישיבה 'כוכב מיעקב' אין ירושלים, איז ער פאַרביי געגאַנגען דעם 'פאַבליק טעלעפאָן', און קיינער האָט נישט געענטפערט דעם טעלעפאָן. איז דער ראש ישיבה הגאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל, צוגעגאַנגען און אויפגעהויבן דעם טעלעפאָן. פון יענער זייט פונעם טעלעפאָן-טרייבל, איז געווען אַ מאָדנער פאַרשוין, וועלכער האָט געוואָלט וויסן ווער עס האָט געוואונען אין די וואָלן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין יענע תקופה... רבי אברהם האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, האָט ער זיך אַנטשולדיגט פאַר יענעם, און געזאָגט אַז ער וועט פרובירן אויסגעפינען... אַ צייט שפּעטער, איז רבי אברהם צוגעקומען צום טעלעפאָן, און צום שטוינונג פון רבי ישראל דוד, האָט רבי אברהם געענטפערט פאַר יענעם אויפ'ן טעלעפאָן, ווער ס'איז אַרויס דער זיגער אין די וואָלן...

ווען רבי אברהם איז אַוועקגעגאַנגען פונעם טעלעפאָן, האָט ער געזאָגט צו דעם נייעם תלמיד אין ישיבה, יבלחט"א רבי ישראל דוד: **'צדק לפניו יהלך', האָב איך, ברוך השם, היינט שוין מקיים געווען...** (חז"ל זאָגן, 'יהיב פרוטה לעני ואחר כך מתפלל'. פאַר'ן דאַווענען, דאַרף מען קודם געבן צדקה פאַר אַן אָרימאַן, און דערנאָך שטעלט מען זיך דאַווענען). **ער האָט געמיינט צו** זאָגן, צו ענטפערן יענעם זיין 'שאלה' אויפ'ן טעלעפאָן, איז נישט אַ קלענערע מצוה פון צדקה, ווי צו געבן אַ פרוטה פאַר אַן אָרימאַן פאַר'ן דאַווענען. **יעדע טובה וואָס אַ איד טוט פאַר אַ צווייטן, איז אין גדר פון צדקה.**

**יד.** איינע פון די פינף זאַכן וואָס האָבן פאַסירט שבעה עשר בתמוז, איז אַז **די לוחות זענען דעמאָלס צובראָכן געוואָרן.** קען מען זאָגן אַ רמז דערין, די צוויי לוחות זענען דאָך געווען איינגעטיילט, איין לוח איז באַשטאַנען פון מצוות שבין אדם למקום ('אנכי', 'לא יהיה לך', א.א.וו.), און דער צווייטער לוח - פון מצוות שבין אדם לחבירו ('לא תרצח', 'לא תגנוב' א.א.וו.). דאָס איז די כוונה פון דעם וואָס די לוחות זענען צובראָכן געוואָרן אין שבעה עשר בתמוז. דאָס מיינט, **מ'האָט צעטיילט די לוחות**, ווייל מ'האָט געהיטן נאָר די מצוות 'בין אדם למקום', און מ'האָט ליידער מזלזל געווען אין די מצוות שבין אדם לחבירו...

**טו.** הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע פלעגט זאָגן, אַז **די 'דריי וואָכן' פון 'בין המצרים', זענען אַנטקעגן די דריי וואָכן צווישן ראש השנה און שמיני עצרת**, און עס איז אַזוי ווי ביי אַ מאָלער, וואָס איידער ער מאָלט מיט

**דער** קאָזשניצער מגיד זי"ע ברענגט ('עבודת ישראל', פ' מסעי, ד"ה 'אלה') אין נאָמען פון היילגן מעזריטשער מגיד זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (איכה א, ג) 'כל רודפיה השיגוה בין המצרים'. 'רודפיה' האָט די זעלבע אותיות ווי 'רודף ק-ה'. דער וואָס 'יאָגט נאָך' דעם באַשעפער כביכול, ער וויל איהם קרוינען אַלס קעניג אויף זיך און אויף די גאַנצע וועלט, 'השיגוה' - קען עס דערגרייכן נאָך מער אין די יעצטיגע טעג פון 'בין המצרים'.

**דער** מגיד זאָגט אַ משל, ווען דער קעניג געפינט זיך אין זיין פּאַלאַץ, קען נישט יעדער איינער אַריינקומען אַהין. אַלע מענטשן פון לאַנד ציטערן דאָך פאַר דעם קעניג, און ס'איז קלאָר אַז אַ פּשוט'ער מענטש פונעם לאַנד, וועט נישט וואַגן אַריינצוקומען אינעם פּאַלאַץ, אָן אַ ספּעציעלע ערלויבעניש פונעם קעניג אַליין. אָבער ווען דער קעניג וואַנדערט אַרום איבער'ן לאַנד, אין דער בחינה פון 'מלך בשדה', דער קעניג געפינט זיך אויפ'ן פעלד, איז ער נאָענט צו יעדן איינעם. דעמאָלס הערט ער דאָס געשריי פון אַלע וואָס ווענדן זיך צו איהם, און יעדער איינער קען דעמאָלס צוגיין נאָענט צום קעניג, און בעטן פון איהם וואָס ער דאַרף האָבן.

**דער** נמשל איז, בזמן הזה, ווען דער בית המקדש איז ליידער חרוב און די שכינה הקדושה כביכול וואַנדערט אַרום אַזוי ווי אַ פויגל וואָס שוועבט אַרום הויך-הויך, האָט יעדער מענטש רשות צו דערנענטערן זיך צום באַשעפער, דער קעניג פון דער וועלט[טז], און ער ענטפערט אַלע זייערע בקשות[יז].

**עס** שטייט אין ספה"ק 'אור לשמים' (פ' בלק, ד"ה 'קל מוציאם ממצרים'), אַז די יעצטיגע טעג זענען גאָר הייליגע טעג, אָבער זיי זענען 'פאַרדעקט' ('באתכסיא'), און זיי זענען זייער שטאַרק מסוגל צו תשובה, כאָטש מיר ווייסן אַז 'שערי תשובה לא ננעלו' און מ'קען אייביג תשובה טוהן, אָבער די 21 טעג צווישן שבעה עשר בתמוז און תשעה באב זענען גאָר שטאַרק מסוגל צו תשובה.

**זאגט** דער 'אור לשמים' אז דאס קען זיין מרומז אין די גמרא (כתובות צב:): 'מאימתי הוי חזקה, מכי קא דייש אמיצרא' (דער פשוט'ער פשט איז, אַז אַ 'חזקה' באַקומט מען דעמאָלס ווען מ'טרעט אַריבער די גרעניץ פונעם פעלד). איז דאָ דער רמז, אַז די שכינה הקדושה ווערט 'נקנה' צום מענטש, ווען ער קומט אַריין 'אמיצרא' - אין די טעג פון 'בין המצרים', וואָס זענען מסוגל אויך פאַר פרנסה (זעה דאָרט אין 'אור לשמים').

---

זיין פעדער, טוט ער צוגרייטן אַ שוואַרצן לוח ('באָרד' בלע"ז) אויף וועלכן ער טוט אָפּמאָלן זיין שיינע מאָלעריי. אַזוי איז עס מיט די טעג פון 'בין המצרים', וואָס זענען אַזוי ווי דער שוואַרצער 'לוח' אויף וועלכן מ'טוט אָפּמאָלן די מאָלעריי. ('תורת אבות', בין המצרים)

**טז.** וועט דער מענטש פרעגן: ווי אַזוי קען איך זיך דערנענטערן צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, ווען איך בין אַזוי שוואַך אין עבודת השם, און דער פסוק זאָגט בפירוש (שמות כג, טו) 'ולא יראו פני ריקם'. איז דער תירוץ, די ווערטער פון קאָזשניצער מגיד זי"ע, אין 'עבודת ישראל', אין זיין פירוש אויף מסכת אבות (פ"ב, מי"ד), וואָס ער שרייבט: **'עס איז גרינגער זיך צו דערנענטערן צום באַשעפער ברוך הוא אין די יעצטיגע טעג ווי אין די אַנדערע טעג**, ווי עס פירט זיך ביי דעם קעניג (אָדער אַ שר) ווען ער זיצט אין זיין פּאַלאַץ, איז עס נישט לייכט צוצוקומען צו איהם, צוליב די לייב-וועכטער וואָס רינגלען איהם אַרום, און אויך דאַרף מען איהם ברענגען אַ גרויסע שיינע מתנה כדי צו קענען זעהן זיין פנים, אָבער ווען דער קעניג גייט אַרויס אויפ'ן וועג, איז אַסאַך לייכטער צוצוקומען צו איהם, און **דאַן איז אויך אַ קליינע מתנה חשוב אין זיינע אויגן... ער נעמט אויף יעדן איינעם פריינטליך, ווייל ער געפינט זיך דעמאָלס אונטערוועגנס.**

**יז.** אַזוי זאָגט דער ברעזשאַנער רב זי"ע, אַז **ס'איז נישט דאָ אַ זמן וואָס איז מסוגל פאַר קבלת התפילות אַזוי ווי די יעצטיגע טעג פון 'בין המצרים'**, ווען עס איז אַ מצב פון 'תפילה לעני כי יעטוף', און 'מן המיצר קראתי קה, ענני במרחב'.

מ'דערציילט, אַז הרה"ק רבי מרדכי'לע נאַדבורנער זי"ע פלעגט זאָגן ווען מ'האָט איהם געגעבן אַ 'קוויטל', מיט אַ הזכרה פאַר אַ גרויסע ישועה, אַז מ'זאָל עס ברענגען צו איהם אין די 'ניין טעג', ווייל **די טעג זענען מסוגל צו פועל'ן אין זיי אַלע סאָרטן ישועות.**

**פון** דער אַנדערער זייט, דאַרף מען אָבער געדענקען וואָס עס שטייט אין ספה"ק 'שער המלך' (שער השייך לי"ז בתמוז, פ"א, ד"ה 'ולפי זה'), דוד המלך ע"ה זאָגט (תהלים צ, ד) 'כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול כי יעבור', און חז"ל זאָגן (ב"ר פי"ט, ח) אַז איין טאָג פון דעם אויבערשטען איז טויזנט יאָר, און דער טאָג איז איינגעטיילט אויף 12 שעה (אַזוי שרייבן די מקובלים, אַז דער טאָג ווערט נישט איינגעטיילט אויף 24 שעה, אַ 'מעת לעת'). ממילא, אויב מ'זאָל איינטיילן די טויזנט יאָר אויף צוועלף חלקים, וועט יעדע שעה אויסקומען 1,080 סעקונדעס. און לויט דעם (ווען מ'טוט איינטיילן 83 יאָר און 4 חדשים צו 1,080, קומט אויס 24 טעג), קומט אויס אַז יעדע 'סעקונדע' ביי דעם אויבערשטען איז 23 טעג.

**די** גמרא זאָגט (ברכות ז.) אויף דעם פסוק 'וא-ל זועם בכל יום', אַז דער 'זעם' (צאָרן) פון דעם אויבערשטען איז איין 'רגע כמימריה' - איין סעקונדע. קומט אויס אַז דער 'צאָרן' פון דעם אויבערשטען כביכול איז אַזוי ווי 24 טעג (ווייל אַזוי איז דאָך די לענג פון אַ רגע פון דעם אויבערשטען). דאָס זענען די פיר און צוואָנציג טעג צווישן שבעה עשר בתמוז ביז נאָך דעם צענטן טאָג פון חודש אב, וואָס אין יענעם איז דער היכל פאַרברענט געוואָרן, און אין די טעג טוט דער אויבערשטער כביכול 'צערענען', אַזוי ווי עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תקנ"א סי"ח, און 'משנה ברורה', אַז מ'זאָל נישט זיצן צווישן די זון און דעם שאָטן, א.ד.ג.).

און ער פירט אויס, אַז וועגן דעם דאַרף מען אין די יעצטיגע טעג טיילן צדקה אויף אַ ברייטן אופן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים מא, ב) 'אשרי משכיל אל דל, ביום רעה ימלטהו ה'".

**משמחי לב - דערפרייען די הייליגע שכינה דורך לימוד התורה בהתמדה**

**אויף** דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כו, כג) 'בני יששכר למשפחותם' וגו', זאָגט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע, מיר ווייסן אַז יששכר איז געווען אַ בן תורה, האָט דער פסוק געוואָלט מרמז זיין ביי זיין נאָמען, אַז דער שכר פאַר לימוד התורה איז דער בעסטער שכר, ווי די גמרא זאָגט (ברכות כח:) אַז ווען אַ איד גייט אַרויס פון שול, דאַרף ער דאַנקען דעם אויבערשטען און זאָגן, מודה אני לפניך וכו', אני עמל והם עמלים, אני עמל ומקבל שכר והם עמלים ואינם מקבלים שכר וכו'. דער איינציגער שכר איז דאָס וואָס מ'באַקומט פאַר לימוד התורה, עיי"ש. אַלע אַנדערע זאַכן וואָס אַ איד קויפט זיך איין, זענען נאַרישקייטן[יח].

**מיר** ווייסן דאָך אַז 'דברי תורה צריכין חיזוק', ספּעציעל אין די יעצטיגע טעג פון 'בין המצרים', ווי דער קאָזשניצער מגיד זי"ע זאָגט אויף די משנה (אבות פ"ב, מי"א) 'הוי שקוד ללמוד תורה'. זאָגט דער מגיד, דאָס וואָרט 'הוי' באַטרעפט 21, אַ רמז אויף די 21 טעג

---

**יח.** דער צעהלימער רב, הגאון רבי לוי יצחק גרינוואַלד זצ"ל, האָט איין יאָר אין טאָג פון יאָרצייט פון זיין טאַטן, דער גאון בעל 'ערוגת הבושם' זצ"ל, געוואָלט צוגיין צום 'עמוד' אַלס שליח ציבור. אין יענעם טאָג, האָט אַ פשוט'ער איד, אַן עושר, אויך געהאַט יאָרצייט נאָך זיין טאַטן, און האָט אויך געוואָלט דאַווענען פאַר'ן עמוד. ער האָט געזאָגט, אַז אויב מ'וועט איהם געבן דאָס 'ברעטל', וועט ער נאָכ'ן דאַווענען געבן 'אַזוינס און אַזוינס'... (מזונות און משקה פאַר 'לחיים'), אַ 'תיקון', וואָס מ'גיט נישט דאָ אין שול יעדן טאָג...

ווען דער צעהלימער רב האָט געזעהן ווי ווייט דער גביר וויל דאַווענען אַלס שליח ציבור, האָט ער באַשלאָסן, אַז עס וועט מסתמא זיין אַ גרעסערע טובה פאַר די הייליגע נשמה פון זיין פאָטער דעם 'ערוגת הבושם', אויב ער וועט מוותר זיין פאַר אַ צווייטן, און יענער איז טאַקע געווען דער שליח ציבור.

נאָכ'ן דאַווענען, האָט יענער איד 'געהאַלטן וואָרט', און האָט דערלאַנגט אַ 'תיקון' ווי עס דאַרף צו זיין, מיט שאַרפע משקאות און קוכן וואָס מ'רופט 'שניט קרים'. עס באַשטייט פון טייג אויבן און אונטן, און אינמיטן לייגט מען אַריין 'קרים', אָדער קעז. דער צעהלימער רב האָט - זעלבסט-פאַרשטענדליך - נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס פאַר אַ מאכל דאָס איז... ער האָט גענומען אַ שטיקל דערפון און עס געגעסן, און באַלד האָט דער 'קרים' אָנגעהויבן רינען אויף זיינע ליפּן און אויף זיין באָרד...

שפּעטער, האָט דער צעהלימער רב געפרעגט דעם איד, פאַרוואָס עפּעס האָט ער געברענגט אַזאַ מאכל וואָס איז גורם בזיונות פאַר מענטשן... האָט איר דען נישט געקענט ברענגען 'נורמאַלע' מזונות, וואָס מענטשן זענען געוואוינט דערצו... האָט דער עושר (וועלכער איז, ווי געזאָגט, געווען אַ פשוט'ער איד) איהם געענטפערט: 'אוי, רבי, אויב איר וואָלט געוואוסט ווי מיין טאַטע ז"ל האָט ליב געהאַט דעם 'קרים שניט' קעז, וואָלט איר נישט געפרעגט

פון 'בין המצרים', ווען דער מענטש דאַרף מוסיף זיין אין לימוד התורה.

**עס** שטייט אין ספה"ק 'מאור ושמש' (פ' בלק, ד"ה 'עוד בפסוק'), אַז דורך לימוד תורה שבעל פה, קען מען ממתיק זיין דינים און ממשיך זיין חסדים אויף אידישע קינדער, און אויף דעם זאָגט די גמרא (שבת פח.) 'הדר קבלוה בימי אחשוורוש'. די כוונה דערפון איז אויף תורה שבעל פה [ווי דער מדרש תנחומא זאָגט (פרשת נח)], וויבאַלד המן הרשע האָט מקטרג געווען אויף אידישע קינדער אַז מדת הדין זאָל זיך שטאַרקן ח"ו, האָבן די אידן גענומען אויף זיך צו לערנען תורה שבעל פה, כדי ממתיק צו זיין דערמיט די דינים און די גבורות אין זייער שורש.

**לויט** דעם, טייטשט דער 'מאור ושמש', דאָס וואָס עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים ('משנת חכמים', תמוז-אב, פ"א, א), אַז דער צירוף פון שם הוי' ב"ה אין חודש תמוז, קומט אַרויס פון די סופי תיבות פון פסוק (אסתר ה, יג) ז'ה אינ'נו שו'ה ל'י. דאָס איז אַ רמז, אַז פונקט ווי אין די צייטן פון מרדכי הצדיק זענען די דינים נמתק געוואָרן דורכ'ן לערנען תורה שבעל פה, אַזוי דאַרף מען אין די יעצטיגע טעג, לערנען תורה שבעל פה, מער ווי אַנדערע זאַכן, כדי מבטל צו זיין אַלע מקטרגים וואָס ווערן ערוועקט אין די טעג פון 'בין המצרים'.

**דאָס** איז אויך דער טעם פאַרוואָס דער צירוף פון שם הוי' ב"ה וואָס איז שייך צו חודש אב, קומט אַרויס פונעם פסוק (דברים כז, ט) 'הסכת ושמע ישראל היום', ווייל חז"ל (ברכות סג:) דרש'ענען דעם פסוק אויף לימוד תורה שבעל פה: 'הסכת ושמע ישראל - עשו כתות כתות ועסקו בתורה' וכו'. נאָך אַ פשט, 'הסכת ושמע ישראל - כתתו עצמכם על דברי תורה'. איר זאָלט זיך 'צעשטויסן' פאַר די ווערטער פון די הייליגע תורה.

**זאָגט** ער, אַז אין די טעג פון 'בין המצרים', ווען עס שטאַרקט זיך מדת הדין ח"ו, דאַרפן אידן עוסק זיין אין תורה שבעל פה, כדי ממתיק צו זיין די דינים.

**נאָך** שרייבט דער 'מאור ושמש' זי"ע (ד"ה 'עוד בפסוקים הנזכרים'), די גמרא זאָגט (ברכות לב:) אַז דער אויבערשטער כביכול האָט חרטה אויף דעם וואָס ער האָט באַשאַפן דעם יצר הרע. ווען קומט דער אויבערשטער כביכול צו האָבן חרטה? ווען די אידן שטאַרקן זיך איהם צו דינען, טראָגן דעם צער און די שוועריגקייטן פונעם עול הגלות. אין די טעג פון 'בין המצרים' שטאַרקן זיך די דינים ח"ו, און דער יצר הרע, דער שטן, פּרובירט מקטרג זיין ח"ו, אַזוי ווי דעמאָלס וואָס ער האָט געברענגט דעם אויבערשטן כביכול חרוב צו מאַכן דעם בית המקדש. און פונדעסטוועגן, שטאַרקן זיי זיך אויפ'ן יצר הרע און זיי זענען מקיים די תורה און מצוות מיט אַלע זייערע כוחות, פון דעם באַקומט דער אויבערשטער כביכול אַ גרויסע הנאה און ער האָט חרטה כביכול אויף דעם וואָס ער האָט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש און פאַרטריבן די אידן אין גלות צווישן די גוי'שע פעלקער[יט].

---

אַזאַ קשיא... נו, היינט איז דאָך זיין יאָרצייט, 'פאַרדינט' ער אַז איך זאָל איהם מאַכן אַ 'נחת רוח' דורך ברענגען אַ קוכן וואָס ער האָט ליב געהאַט...

האָט דער צעהלימער רב זיך אָנגערופן, אַז יעצט פאַרשטייט ער די ווערטער פון חז"ל (ברכות ה.) 'לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע' וכו', און די גמרא גיט דאָרט דריי עצות ווי אַזוי מ'קען באַזיגן דעם יצר הרע: לימוד התורה, קריאת שמע, און אויב דאָס אַלעס האָט נישט געהאָלפן, זאָל ער איהם דערמאַנען דעם טאָג ווען דער מענטש דאַרף אַוועקגיין פון דער וועלט ל"ע.

בפשטות, איז די כוונה פון חז"ל, אַז דאָס געדענקען דעם 'יום המיתה' און די מורא פאַר'ן דין ביים בית דין של מעלה וועט אַוודאי 'באַרואיגן' דעם יצר הרע. אָבער לויט די דערמאַנטע מעשה קען מען זאָגן אויף נאָך אַ וועג, אַז חז"ל האָבן געוואָלט זאָגן פאַר דעם מענטש, ער זאָל געדענקען דעם טאָג פון שטאַרבן און זיך מתבונן זיין **וואָס ער וויל אַז מ'זאָל דעמאָלס זאָגן וועגן איהם, אַז ער האָט ליב געהאַט 'קרים שניט' קוכן, אָדער אַז ער איז געווען פאַרנומען מיט אהבת תורה ויראת שמים...**

**יט.** אין די ביטערע צייטן פון די צווייטע וועלט מלחמה, האָט דער אוסטילער רב, הרה"ק רבי פיניע'לע זי"ע הי"ד נישט מפסיק געווען אַפילו אַ רגע פון לערנען. אַלע אַרומיגע האָבן זיך זייער געוואונדערט אויף דעם ווי ער קען זיך מצמצם זיין דעם מוח און זיצן און לערנען מיט אַזאַ התמדה, אין אַזאַ ביטערן מצב, ווען 'מחוץ תשכל

**לויט** דעם, טייטשט דער 'מאור ושמש', די ווערטער פון די גמרא (ברכות ג.) דער תנא רבי יוסי האָט געזאָגט, איינמאָל בין איך געגאַנגען אויפ'ן וועג, און איך בין אַריינגעגאַנגען דאַווענען אין איינע פון די חורבות פון ירושלים. איז אליהו הנביא זכור לטוב געקומען און געוואַרט פאַר מיר ביי די טיר, ביז איך האָב געענדיגט דאַווענען. שפּעטער האָט אליהו מיך געפרעגט, וואָס פאַר אַ קול איך האָב געהערט אין די חורבה. האָב איך איהם געענטפערט, אַז איך האָב געהערט אַ 'בת קול' וואָס קלאָגט אַזוי ווי אַ טויב און זי זאָגט, וויי איז פאַר די קינדער וואָס צוליב זייערע עבירות האָב איך חרוב געמאַכט מיין הויז און פאַרברענט מיין היכל, און איך האָב זיי פאַרטריבן צווישן די פעלקער.

**זאָגט** דער 'מאור ושמש', אַז ווען דער הייליגער תנא רבי יוסי איז אַריינגעקומען אין יענע חורבה, האָט ער זיכער געהאַט גרויס צער ווען ער האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם חורבן פון ירושלים, און חז"ל זאָגן, אַז ווען אַ מענטש איז טרויעריג, קען ער נישט זוכה זיין צו השראת השכינה. רבי יוסי האָט זיך אָבער געשטאַרקט צו דינען דעם אויבערשטען, און ער האָט מתפלל געווען מיט אַ פרייליך געמיט. אט די התגברות האָט גורם געווען אַ גרויסן נחת רוח אין הימל, און צוגעברענגט דערצו, אַז דער אויבערשטער כביכול האָט חרטה באַקומען אויף דעם וואָס ער האָט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש. און דאָס איז געווען דער 'בת קול', וואָס רבי יוסי האָט געהערט אויסרופן, 'אוי להם לבנים שבעוונותיהם החרבתי את ביתי ושרפתי את היכלי והגליתים לבין האומות'.

**דער** רמ"א פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תקנ"א, ס"י) אַז ביי אַ סעודה פון אַ ברית מילה אין די 9 טעג, מעגן זיך באַטייליגן נאָר אַ מנין אידן, אָבער ביי אַ סעודה פון אַ סיום מסכתא, מעג יעדער איינער מיטהאַלטן.

**זאָגט** אויף דעם דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע ('דברי אמת', ליקוטי כתובים איכה ג, כו, ד"ה 'לסיום'), אַז די גאַנצע סיבה פונעם שרעקליכן חורבן איז געווען, צוליב דעם וואָס מ'האָט מבטל געווען פון לימוד התורה, אַזוי ווי דער נביא זאָגט (ירמיה ט, יא-יב), 'על מה האבדה הארץ וגו' ויאמר ה' על עזבם את תורתי'. קומט אויס, אַז לימוד התורה איז דער בעסטער תיקון פאַר'ן חורבן בית המקדש, און אויך די גאולה פון גלות וועט קומען דורך לימוד התורה (ב"ב ח.). צוליב דעם מעג יעדער איינער זיך באַטייליגן אין די סעודה פון אַ סיום מסכתא, און ס'איז איבעריג צו זאָגן אַז יעדער איינער דאַרף לערנען בהתמדה אין די יעצטיגע טעג, ווייל מיט דעם איז מען מקרב די גאולה שלימה.

**מיר** האָפען און זענען מתפלל צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, אַז די טעג פון 'בין המצרים' זאָלן איבערגעדרייט ווערן לששון ולשמחה. ותגלה ותראה מלכותו עלינו בזמן קריב, אור חדש על ציון תאיר, ונזכה כולנו יחד במהרה לאורו. לה' הישועה על עמך ברכתך סלה, אמן.

---

חרב ומחדרים אימה', און אידיש בלוט ווערט ליידער פאַרגאָסן ווי וואַסער, ה' ירחם. האָט דער אוסטילער רב געזאָגט, אַז ער האָט צוגעזעהן ענליכעס ביי זיין גרויסן שווער, דער פריעדיגער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, אין צייט פון די ערשטע וועלט מלחמה, איז דער בעלזער רב געזעסן און געלערנט יומם ולילה ממש. ווען מ'האָט איהם געפרעגט ווי אַזוי ער קען לערנען אין אַזעלכע שווערע צייטן, האָט דער בעלזער רב געענטפערט, די משנה זאָגט (סנהדרין מו.) רבי מאיר האָט געזאָגט, ווען אַ איד געפינט זיך אין אַ צער ח"ו, זאָגט די הייליגע שכינה, 'קלני מראשי, קלני מזרועי'. קומט אויס, אַז אין צייט פון אַ מלחמה וואָס אַזוי פיל אידישע קינדער זענען פאַרוויסטאָגט, קלאָגט די הייליגע שכינה פון צער איבער זייער ווייטאָג, און **ס'איז נישט דאָ אַ זאַך וואָס טוט דערפרייען די הייליגע שכינה, אַזוי ווי לימוד התורה**, וועגן דעם לערנט ער אַזוי בהתמדה טראָץ די שווערע צייטן פון די מלחמה, כדי צו דערפרייען די שכינה הקדושה און פאַרגרינגערן איר צער כביכול. און דער אוסטילער רב האָט אויסגעפירט:

- אויב מיין שווער ז"ל האָט געזאָגט די ווערטער אין צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, וואָס איז טאַקע געווען אַ ביטערע מלחמה, אָבער יעצט (די צווייטע וועלט מלחמה) ליידן דאָך אידן נאָך פיל מער צרות ה' ירחם, איז דאָך אַוודאי אַז די הייליגע שכינה וויינט און קלאָגט, און ממילא דאַרפן מיר איר דערפרייען מיט לערנען וואָס מער תורה.

לעניננו, לערנען מיר פון דעם אַז אין **די טעג פון 'בין המצרים', איז די צייט ספּעציעל געאייגנט צו דערפרייען די הייליגע שכינה דורך מרבה זיין בלימוד התורה בהתמדה.**

# בדין הוא שיטול שכרו

עס דערציילט הגה"צ רבי שלמה זלמן פרידמאן שליט"א אב"ד סאנטוב אין לעיקוואוד (מחבר ספר 'נועם שיח'), אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט איש מפי איש וועגן הרב ר' שמואל דוד פריעד ז"ל, אַ תלמיד פון הרה"ק בעל 'עצי חיים' זי"ע אב"ד סיגעט, און שפעטער האָט ער געוואוינט אין אַנטווערפּן, וואו ער האָט געאַרבעט פאַר פרנסה אין אַ רעסטאָראַן. מיט די צייט, האָט ער אָפּגעקויפט דעם רעסטאָראַן, און האָט געהאַט שיין הצלחה, ביז עס איז געוואָרן דער גרעסטער רעסטאָראַן אין שטאָט. סיי אידן, און להבדיל גוים, זענען געקומען אַהין זיך דערקאַפּן דאָס הארץ. דאָרט זענען געווען צוויי קיכן, אַ מילכיגע קוך און אַ פליישיגע קוך. ס'איז אָבער געווען נאָר איין עס-זאַל, און וויבאַלד די גוים האָבן דאָרט געגעסן מילכיגס און פליישיגס צוזאַמען, האָט רבי שמואל דוד געמאַכט אַ 'תקנה' אָפּצוהיטן די כשרות אין דעם רעסטאָראַן, אַז יעדער מאכל וואָס קומט אַרויס פונעם קוך, קומט דאָרט קיינמאָל מער נישט צוריק אַריין, יהיה מה שיהיה. אַפילו דאָס ברויט וואָס מ'האָט יעדן טאָג אַרויסגעפירט פון די קוך פאַר די געסט, האָט מען מער קיינמאָל נישט צוריק אַריינגעלאָזט אין קוך, אפילו אויב ס'איז איבערגעבליבן ביים סוף פונעם טאָג, און ס'איז געווען דערביי אַ 'הפסד מרובה'. דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען אַסאַך יאָרן.

אַמאָל אין אַ פרייטאָג, איז זיין פרוי אַריינגעגאַנגען אין די פליישיגע קוך, און זי האָט דאָרט געזעהן אַ שטיקל ברויט אָנגעשמירט מיט פוטער... איז זי אַריין אין אַ פּאַניק, ווי אַזוי איז אַ מילכיג מאכל אַריינגעקומען אין אַ פליישיגע קוך, און זי האָט געזאָגט צו איר מאַן, ר' שמואל דוד: צענדליגער אידן פאַרלאָזן זיך דאָך אויף דיר... און זעה וואָס דאָ האָט פּאַסירט מיט אונז. זיי קענען חלילה נכשל ווערן מיט מאכלות אסורות... אויף'ן אָרט, האָט רבי שמואל דוד באַשלאָסן צו פאַרמאַכן דאָס געשעפט. ער האָט פאַרקויפט דעם רעסטאָראַן, און ער האָט באַקומען דערפאַר אַ גרויסן סכום געלט.

ווען מ'האָט געהערט אויפ'ן גאַס אַז רבי שמואל דוד האָט יעצט געלט אין האַנט, איז צו איהם געקומען אַ איד וואָס האָט געהאַנדלט אין דער דיאַמאַנטן-בערזע, און ער האָט געזאָגט צו רבי שמואל דוד: 'איר האָט יעצט אַ גאָלדענע געלעגנהייט צו אינוועסטירן דאָס געלט אין דיאַמאַנטן... איך האָב אין מיין באַזיץ אַסאַך טייערע שטיינער, קויפט עס פון מיר, און איר וועט קענען ווערן זייער רייך'.

רבי שמואל דוד האָט זיך געלאָזט איבעררעדן. ער האָט אָפּגעקויפט די דיאַמאַנטן. ער האָט אָבער נישט געוואוסט אַז יענער איז אַ פשוט'ער שווינדלער, און אַלע דיאַמאַנטן זענען געווען פאַלשע.

צוויי וואָכן שפעטער, ווען רבי שמואל דוד האָט געוויזן פאַר אַ גרויסן דיאַמאַנטן-סוחר די שטיינער, וועלנדיג אַז יענער זאָל עס אָפּקויפן פון איהם, האָט יענער איהם געזאָגט נאָכ'ן באטראַכטן די סחורה: 'עס טוט מיר ווי אייך צו זאָגן, אָבער איר האָט מיר דאָ געוויזן פאַלשע סחורה... דאָס זענען נישט קיין דיאַמאַנטן, און עס האָט נישט קיין ווערד'.

הערנדיג אַזעלכע ווערטער פון דעם דיאַמאַנטן-סחור, האָט רבי שמואל דוד, נישט געקענט קומען צו זיך פון גרויס צער און עגמת נפש, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן פון שווערע אַרבעט

# ישקו העדרים

אינעם רעסטאָראַן וואו ער האָט פאַרדינט אַזוי פיל געלט, איז אַלעס געגאַנגען לטמיון דורך אַ נידערטרעכטיגן גנב, און ער - רבי שמואל דוד - איז אין אַ סעקונדע פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ רייכן מאַן, אין אַן עני ואביון. וויבאַלד ער איז געבליבן אָן אַ פרוטה, האָט ער באַשלאָסן אויסצוואוואַנדערן קיין אַמעריקע, וואו ער וועט ווייטער אַרבעטן שווער פאַר אַ שטיקל ברויט, און פון דאָרט וועט ער שיקן געלט פאַר'ן וויב און די קינדער... פאַקטיש, האָט ער נישט געהאַט אַפילו געלט פאַר אַ רייזע-בילעט מיט'ן שיף קיין אַמעריקע, און ער האָט געבאָרגט געלט פון זיינעם אַ גוטן פריינט, און איז געפאָרן קיין אַמעריקע (דאָס איז געווען אין די תר"פ-יאָרן).

אין אַמעריקע, האָט רבי שמואל דוד אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס אַ שוחט (ווייל ביי די שחיטה, האָט מען נישט געדאַרפט אַרבעטן אין שבת). ס'איז געווען גאַר אַ שווערע אויסמאַטערנדיגע אַרבעט, 18 שעה אַ מעת לעת - פון פיר אַזייגער פאַרטאָגס, ביז צען אַזייגער ביינאַכט. מיט די צייט האָט ער צונויפגעזאַמלט אַביסל געלט, און עס אפגעשיקט קיין אַנטווערפּן. אַ טייל דערפון איז געגאַנגען פאַר'ן חוב פון דעם רייזע-בילעט, און פונעם איבריגן טייל האָט זיין משפחה געקענט קויפן רייזע בילעטן, צו פאָרן קיין אַמעריקע.

אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט אויסגעבראָכן די ביטערע צווייטע וועלט-מלחמה און, און דער דייטש איז אַריינגעקומען קיין בעלגיע, און אומגעברענגט כמעט אלע אידן, צווישן זיי, אויך דעם איד וואָס האָט געקויפט פון איהם דעם רעסטאָראַן...

יענער גנב, וואָס האָט איהם פאַרקויפט די פאַלשע דיאַמאַנטן-שטיינער, האָט געשמאַכטעט פינף יאָר אין דעם ביטערן מאָרד-לאַגער אוישוויץ וואו ער האָט שווער און ביטער געאַרבעט און איבערגעלעבט די מלחמה. נאָך די מלחמה, איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע. רבי שמואל דוד האָט אויסגעפונען אַז דער גנב קומט קיין אַמעריקע מיט'ן שיף. איז ער שנעל צוגעפאָרן צום פּאָרט, און געוואַרט אויף דעם גנב. ווען יענער האָט אַראָפּגעשטיגן פונעם שיף, האָט רבי שמואל דוד איהם אויפגענומען מיט אַ פריינטליכן 'ברוך הבא'... ער האָט איהם אַריינגענומען צו זיך אין הויז, און אויך געזאָרגט פאַר איהם ער זאָל קענען באַקומען אַן אַרבעטס-פּאָסטן, און האָבן פון וואו צו לעבן. ער האָט איהם אויך ערלעדיגט אַ דירה וואו צו וואוינען, און איהם געבאָרגט געלט, שטעלנדיג איהם ממש אויף די פיס.

יענער פאַרשוין האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס רבי שמואל דוד איז אַזוי גוט צו איהם, און איינמאָל האָט ער איהם געפרעגט: זאָגט מיר, רבי שמואל דוד, פאַרוואָס העלפט איר מיר אַזוי פיל זיך איינצואָרדענען דאָ, אין אַמעריקע, און איר באַצאָלט מיר אַ 'טובה תחת רעה'... האָט רבי שמואל דוד איהם געענטפערט:

**- ווען נישט דאָס וואָס איר האָט מיט מיר געטוהן, וואָלט איך היינט נישט געלעבט... איך בין אייך שולדיג אַ 'הכרת הטוב' פאַר די 'עוולה' וואָס איר האָט מיר געטוהן,** ווייל אויב איר וואָלט מיר פאַרקויפט אָריגינעלע און ריכטיגע דיאַמאַנטן, וואָלט איך דאָך געבליבן אַ גרויסער סוחר אין אַנטווערפּן, און כ'וואָלט דאָרט געווען ביים אָנהייב פון די מלחמה, טיילנדיג חלילה דעם זעלבן גורל ווי אַלע אידן פון שטאָט. **נאָר אין אייער זכות לעבן מיר היינט, איך און מיין משפּחה...**

פון די מעשה קען מען לערנען, סיי דעם כח פון אמונה פשוטה, און סיי ווי מ'דאַרף האָבן הכרת הטוב פאַר דעם וואָס טוט מיט דיר אַ טובה, און דווקא דורך די דערהויבענע מדות קומט מען אָן צו די העכסטע מדריגות...